STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00515

HIRSH LEKERT

J. S. Hertz

Permanent preservation of this book was made possible by
Nathan Fuhrman
in memory of
Charles & Dora Fuhrman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הירש לעקערט

שער־בלאַט געצייכנט דורך י. ש ל אָ ס

געדרוקט 2,000 עקזעמפּלאַרן

י. ש. הערץ

הירש לעקערט

אונזער צייט פארלאג

ניו־יאָרק, 1952

J. S. Hertz

HIRSH LEKERT

Copyright 1952
by
FARLAG UNSER TSAIT

Published by
FARLAG UNSER TSAIT
25 East 78th Street
New York 21, N. Y.

Printed in U. S. A.

GRENICH PRINTING CORPORATION
151 West 25th Street
New York, N. Y.

אינהאַלט:

פון פאַרלאַג — — — — — — — — — — — — — — — — 6

1. אין באַגינען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — — — — 7

2. אַ נייער גובערנאַטאָר און שמיץ — — — — — — — — — — — 16

3. דער וועג פון אַ רעוואָלוציאָנערן יידישן אַרבעטער — — — — — 32

4. הירש לעקערטס שאָסן און די תליה — — — — — — — — 43

5. דער רושם — — — — — — — — — — — — — — — 69

6. ליד און דראַמע — — — — — — — — — — — — — — 92

מקורים און באַמערקונגען — — — — — — — — — — — — — 106

לעקערט־ביבליאָגראַפיע — פון יעפים ישורין — — — — — — 118

בילדער

וועגן הירש לעקערט האָט מען אַ סך געשריבן. די אַלע אַרטיקלען און אַפילו גרעסערע אַרבעטן טראָגן אָבער אַ פראַגמענטאַרישן כאַראַקטער. ביז היינט איז נישט געווען קיין אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון אים און אַ געטרוי בילד פון די געשעענישן אַרום אים. מיר האָבן געהאַלטן, אַז איצט, אַ האַלבער יאָרהונדערט פון דער נאַכט, ווען דער ווילנער שוסטער איז געגאַנגען צו דער תליה, איז די פּאַסיקע — און העכסטע — צייט דעם פעלער צו פאַריכטן.

דאָס איז נישט דער איינציקער מאָטיוו פאַרוואָס מיר גיבן אַרויס די שריפט וועגן יידישן אַרבעטער־העלד. די קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און בפרט די ספּעציעלע אָנשטרענגונגען צו פאַרדעקן די שפּורן פון די, וועלכע האָבן דירעקט אָדער אומדירעקט געהאַט אַ שייכות צו לעקערטס טאַט, האָבן פאַרשטעלט און פאַרנעפּלט פיל וויכטיקע פּרטים. מיט יאָרן שפּעטער האָבן אַ ריי מענטשן געשריבן זכרונות, פאַרמערט אונזער וויסן וועגן די דעמאָלטיקע ווילנער געשעענישן, אָבער צוליב דער פאַרפירערישקייט פון זכרון גלייכצייטיק אויך פאַרמערט די צאָל פאַקטישע טעותים. אַחוץ די אומפּינקטלעכקייטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אָן שלעכטע כוונות, זיינען די לעצטע דריי צענדליק יאָר געווען שטאַרקע באַמיאונגען בכיוון פאַרצושטעלן די מעשה־לעקערט אין אַ פאַלש ליכט.

די נויטיקייט צו שאַפן אַ גאַנץ בילד, וואָס זאָל, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך, זיין פריי פון טעותים און פאַרדרייאונגען, האָט אונז באַוואויגן צו קומען מיט דער דאָזיקער שריפט צום לייענער. דאָס איינאָרדענען אין ניו־יאָרק דעם בונדישן אַרכיוו, וואָס פאַרמאָגט אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט באַדייטנדיק לייכטער געמאַכט צו דערפילן אונזער געשטעלטע אויפגאַבע.

פאַרלאַג „אונזער צייט“

1. אין באַגינען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין מזרח־איראָפּע, וואָס איז אויפ־געקומען אין די לעצטע יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, איז געווען פול מיט שפּאַנונג און דראַמאַטישע געשעענישן. העראָאישער קאַמף, מסירת־נפש, קרבנות, גייסטיקע און מאָראַלישע דערהויבונג — דאָס אַלץ האָט גע־בילדעט איין גאַנצקייט. יידן זיינען געוואָרן אַרבעטער און קעמפער, האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זייער געטאָ־באַגרענעצטקייט און זיך באַהאָפטן מיט דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס שטרעבט אָפּצושאַפן דעם געזעלשאַפטלעכן סדר, וואו איין מענטש עקס־פּלואַטירט דעם צווייטן, וואו מ׳לעבט אין אומאויפהערלעכער אונטער־דריקונג און מלחמות. לויטערער אידעאַליזם האָט באַזעלט די קעמפער, רעוואָלוציאָנערער אימפּעט האָט זיי ווי אויף פליגל געטראָגן, טריישאַפט אָן אַ גרענעץ האָט זיי צעמענטירט אין אַ געשלאָסענער מחנה.

אָן אַ שיעור זיינען די גרויסע טאַטן פון דער דאָזיקער מחנה. אָבער די צייט פאַרדעקט און באַהאַלט. דאָך זיינען פאַראַן מעשים, אויף וועלכע צייט האָט קיין שליטה נישט. זיי פאַרשווינדן נישט פון געדעכעניש און גייען איבער פון דור צו דור. צו דעם מין געהערט אויך דער אַקט פון ווילנער שוסטער הירש לעקערט.

דער יידישער אַרבעטער פון דער רוסלענדער אימפּעריע האָט גע־שטעלט זיינע ערשטע וואַקלדיקע טריט אויפן פעלד פון אָרגאַניזאַציע. זיין מוח האָט זיך געעפנט פאַר נייע געדאַנקען און באַגריפן. דער לעצ־טער פון די לעצטע, דער נידעריקסטער פון די נידעריקע, האָט פאַר אים אויפגעלויכטן אַ גרויסער, אַן אַלוועלטלעכער אידעאַל.

נישט פון אַן איינהייטלעכן מענטשן־מאַטעריאַל איז באַשטאַנען די

יידישע אַרבעטערשאַפט. מ׳איז געקומען אין ווערקשטאַט און פאַבריק אי פון די קרעמערישע קליינבירגערלעכע היימען, אי פון דעם רויען, עם־האַרצישן הינטערגעסל. איז איינער אין זיינע פריערדיקע יאָרן גע־זעסן אויף דער בית־המדרש־באַנק און נאָך נישט איבערגעריסן אַלע פעדים מיט איר, איז אַ צווייטער געקומען פון שענק, וואו מ׳האָט אים אויך איצט געטראָפן אין זיין רו־צייט. אין די פאַרשיידענע פאַכן האָט מען באַגעגנט פרומע און צעשראָקענע אַרבעטער, אָן שום השגות און ווילן פון קאַמף, אַזוי גוט ווי שטאַרקע און הפקרדיקע, וועלכע האָבן וואויל־יינגעריש זיך געריסן מיט קראַפט צו אַנטשיידן וועגן זייערע פאַרלאַנגען.

נישט די ערשטע און נישט די צווייטע האָבן געקענט זיין אַ מוסטער פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט זיך דעמאָלט גענומען אויספּיקן. פון אָט דעם מענטשן־געמיש האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן עפּעס נייעס און איינהייטלעכעס. זיי אַלע האָבן געדאַרפט אויסבילדן איין באַוועגונג און די באַוועגונג האָט פון זיי געדאַרפט שאַפן איין מחנה, וואָס שטרעבט צום זעלביקן ציל.

און ס׳איז געווען נאָך אַ צעטיילונג, וואָס האָט געמוזט באַזייטיקט ווערן. אַ ריי יאָרן האָבן עקזיסטירט סאָציאַליסטישע בילדונגס־קרייזלעך פון אינטעליגענטן און איינצלנע אַנטוויקלטע אַרבעטער. פון דער צוויי־טער זייט האָבן זיך געשאַפן אין די פאַכן אַרבעטער־קאַסעס, אַ מין ערזאַץ פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט ווערן צוזאַ־מענגענומען און צונויפגעשמאָלצן אין אַ סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

און דאָס איז געשען. פון די באַזונדערע קעמערלעך אין אַ ריי שטעט איז אין יאָר 1897 געשאַפן געוואָרן דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד. פון דעמאָלט אָן האָט דער יידישער אַרבעטער־כּלל אָנגע־הויבן פירן אַ באַוואוסטזיניק לעבן.

שוין די ערשטע טריט האָבן געמוזט זיין קעמפערישע. כאָטש דער אָנפירנדיקער שיכט איז געווען סאָציאַליסטיש אין זיין אָנשויאונג און קלאָר געזען די נויטווענדיקייט פון פּאָליטישן קאַמף, האָט ער אָבער פאַרשטאַנען, אַז צו דער אומדערפאַרענער אַרבעטער־מאַסע האָט נישט קיין זין צו קומען מיט געדאַנקען און רייד, וואָס זי קען נישט באַנעמען.

ציען איר אויפמערקזאַמקייט דאַרף מען דערוויל נישט צו די ווייטע צילן, צו וועלכע איר אויג קען נאָך נישט גרייכן, נאָר צו דעם, וואָס איז איר אייגן און נאָנט. דורך אייגענער דערפאַרונג און אָנשטרענגונג וועט דער יידישער אַרבעטער זיך אויפהויבן העכער און העכער.

איז דער אָנהויב געמאַכט געוואָרן מיט אַרויספירן די יידישע אַר־בעטער אין קאַמף פאַר פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישן מצב. האָט מען געקעמפט קעגן „לאַנג און מאָגער" — קעגן לאַנגען אַרבעטס־טאָג און קלעגלעכע לוינען; האָט מען די יידישע אַרבעטער געלערנט די תורה פון אַחדות; האָט מען זיי דערצויגן צו קענען שטיין מוטיק און ווירדיק אַנטקעגן דעם באַלעבאָס.

אין די באַרבאַרישע באַדינגונגען פון צאַרישן רוסלאַנד זיינען אַזעלכע עלעמענטאַרע פאַרלאַנגען שוין פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ חטא. דאָס אַרויסשטעלן ריינע עקאָנאָמישע פאָדערונגען האָט מען געקענט פאַר־שרייען פאַר אַ „בונט". אַ שטרייק האָט שוין געקענט שמעקן מיט „רע־וואָלוציע". די באַלעבאַטים האָבן ברייט אויסגענוצט די פאַנישע שרעק פון דער צאַרישער רעגירונג פאַר דער אויפגעקומענער אַרבעטער־באַ־וועגונג און גאַנץ אָפט זיך געווענדט נאָך איר הילף. און די גובערנאַטאָרן און פּאָליצמייסטערס האָבן מיט זייער גאַנצער ברוטאַליטעט און ווילקיר זיך געשטעלט קעגן די אַרבעטער. שלאָגן, אַרעסטירן, פאַרשיקן — דאָס זיינען געווען מיטלען צו לייזן סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאָנפליקטן, דאָס האָט געזאָלט זיין די רפואה צו באַרואיקן די געמיטער פון די „צעבונטעוועטע" אַרבעטער. נאָך עקאָנאָמישע קאָנפליקטן און שטרייקן זיינען געווען קרבנות. די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן אַן עקאָנאָמישן סכסוך מיט זייערע באַלעבאַטים און אויסגעלאָזט האָט עס זיך מיט אַ פּאָ־ליטישן צוזאַמענשטויס, מיט אַן איבערפאַל מצד דער רעגירונגס־מאַכט. די ענגע פאַרבינדונג צווישן אַ העכערן לוין, אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג — און געאַרבעט האָט מען דעמאָלט ביז 16 שעה אַ טאָג — פון איין זייט און דער גאַנצער פּאָליטישער אָרדנונג אין לאַנד פון דער צווייטער זייט האָט געמוזט ווערן קלאָר און בולט.

אין דער רעכטלאָזיקייט פון די 130 מיליאָן אונטערטאַנען פון צאַר האָבן די יידן זיך געפונען אויפן סאַמע דנאָ, אויפן לעצטן טרעפּל. די

כסדרדיקע גזירות און נגישות האָבן אַנטוויקלט אַן אומרואיקייט און מורא, און ביי אַ טייל אַפילו אַ שפּלדיקייט און געבראָכנקייט. ס'האָט געמוזט נעמען צייט ביז די יידישע אַרבעטער וועלן זיך באַפרייען פון אַזעלכע מין געפילן. ווערנדיק אַריינגעצויגן אין קאַמף, אין ווידערשפּעניקייט קעגן דער צאַרישער מאַכט, האָבן זיי איבערגעבערענט אין זיך אַ סך פון די געפילן, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אייגן דעם רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג.

עטלעכע יאָר זיינען אַוועק זינט זיין אַנטשטייאונג, און דער „בונד" האָט געהאַלטן, אַז ס'איז שוין געקומען די צייט, ווען די יידישע אַרבעטער דאַרפן ברייט פאַנאַנדערוויקלען זייער פּאַן פון פּאָליטישן קאַמף. די פאַרגאַנגענע יאָרן זיינען געווען אַ גוטע שול. די יידישע אַרבעטער זיינען געווען גוטע תלמידים. זיי זיינען שוין בכוח און האָבן שוין דעם ווילן אַרויסצוטרעטן אָפן קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג — פאַר זייערע אַרבעטער־פאָדערונגען, פאַר זייער רעכט אַלס בירגער און אַפילו פאַר זייער רעכט אַלס אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע מינדערהייט.

דער קאַמף פאַר פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער דאַרף אויך ווייטער געפירט ווערן. ער טאָר אָבער נישט אויספילן די גאַנצע טעטיקייט פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, ער טאָר אַפילו נישט פאַרנעמען דעם אויבנאָן. די ווייט־גרעסטע ענערגיע דאַרף אָפּגעגעבן ווערן דעם פּאָליטישן קאַמף. און דאָס איז נישט בלויז אַ פראַגע פון אינהאַלט, נאָר אויך פון פאָרם. אין די צאַרישע באַדינגונגען האָט פּאָליטישער קאַמף פון אַרבעטער געמיינט רעוואָלוציאָנערער קאַמף, מיט דער אומפאַרמיידלעכקייט פון גרויסע קרבנות.

כאַראַקטעריזירנדיק די ענדערונגען און די נויטיקייט פון נייע קאַמף־מעטאָדן, האָט דער אונטערערדישער אָרגאַן פון „בונד" געשריבן:

„אונזערע ערשטע פראָפּאַגאַנדיסטן האָבן געהאַט פאַר זיך אַ מאַסע, וועלכע איז באַשטאַנען בלויז פון קליינע בעלי־מלאכות, צעזייטע און צעשפּרייטע צווישן טויזנטער פיצינקע ווערקשטאַטן; אַ מאַסע, וועלכע איז געווען שרעקלעך פאַרווילדעוועט און דערשלאָגן, און צווישן וועלכע דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם האָט געהערשט אומבאַגרענעצט. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז דעמאָלט געווען, לויט דער מיינונג פון די דעמאָל־

טיקע פראָפּאַגאַנדיסטן, אוממעגלעך אָנהויבן צו פירן גלייך צווישן דער ברייטער מאַסע אַ ברייטע סאָציאַליסטישע טעטיקייט. מען האָט דעריבער געמוזט אויסזוכן מיטלען צו דערציען די אַרבעטער־מאַסע, אַריינציען זי אין דער באַוועגונג און צוגרייטן זי צו פאַרשטיין די סאָציאַליסטישע אידייען. און אַזעלכע מיטלען האָבן אונזערע ערשטע ס. ד. איינגעזען אין פּראָפעסיאָנעלע (פּאַכאָווע) פאַראיינען און אין עקאָנאָמישן קאַמף"...

„יאָרן זיינען פאַרבייגעלאָפן און דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט אין גאַנצן איבערגעביטן זיין אויסזען. דער יידישער אַרבעטער איז אויסגע־וואַקסן גייסטיק און מאָראַליש"... „אונזער נאָנטסטע אָרגאַניזאַציע־אויפ־גאַבע דאַרף דעריבער זיין — באַפרייען אונזערע רעוואָלוציאָנערע איינ־ריכטונגען פון זייער אַלטן פונדאַמענט — פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַ־וועגונג" [1].

שוין אויפן דריטן צוזאַמענפאָר, וואָס דער „בונד" האָט אָפּגעהאַלטן אין יאַנואַר 1900, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף איז בלויז איינער פון די מיטלען פאַר דער אַנטוויקלונג פון פּאָליטישן און קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער. אַ שאַרפע ווענדונג האָט אין דעם פּרט געמאַכט דער פערטער צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַפּריל 1901. דער טראָפּ פון דער טעטיקייט איז איבערגערוקט גע־וואָרן צום פּאָליטישן פעלד. די אָנגענומענע רעזאָלוציע זאָגט, אַז דער בעסטער מיטל אַריינצוציען די ברייטע מאַסן אין דער באַוועגונג איז דער עקאָנאָמישער קאַמף, אויפן באָדן פון וועלכן מ'דאַרף אַנטוויקלען אַ פּאָליטישע אַגיטאַציע, אויסברייטערנדיק זי מחוץ די ראַמען פון עקאָ־נאָמישן שטרייט, ס'איז אָבער נישט דווקא נויטיק פון סאַמע אָנהויב צו פירן פּאָליטישע אַגיטאַציע בלויז אויפן עקאָנאָמישן באָדן. די מיטלען פון פּאָליטישן קאַמף זאָלן זיין: א) פּאָליטישע (מינדלעכע און שריפט־לעכע) אַגיטאַציע, 2) פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס, ג) 1טע מאַי־שטרייקן מיט אַרויסשטעלן פּאָליטישע פאָדערונגען און בכלל פאַרשטאַרקן די אַרבעט אויפן געביט פון פּאָליטישע אַקציעס.

די טענדענץ אויפצוהויבן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אויף אַ העכערער שטופע האָט זיך שוין אָנגעמערקט מיט איניקע יאָר פריער, אָבער ערשט ביים אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט האָט מען דאָס

געקענט רעקאָמענדירן ווי אַ קאָנקרעטע באַלדיקע אויפגאַבע. אין שייכות מיט דעם איז געשטאַנען נאָך אַ פראַגע, וואָס מ׳האָט געדאַרפט לייזן — באַפרייען זיך פון אַ לאַסטענדיקער ירושה: טעראָר.

ווי אַ מיטל פון פאָליטישן קאַמף, האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט פון דער ערשטער רגע אָן זיך געהאַלטן ביי סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פרינציפן, קיינמאָל מיט טעראָר זיך נישט באַנוצט. יידישע אַרבעטער האָבן אָבער אין פאַרשיידענע פאַלן גענוצט טעראָר אין עקאָנאָמישע קאָנפליקטן. אָנברעכן די ביינער אַ מייסטער אָדער אַ שטרייק־ברעכער, אָנטאָן שאָדנס בעת קאָנפליקטן — דאָס איז נישט געווען קיין זעלטנקייט. דער שטראָם פון רויע עלעמענטן, וואָס האָט זיך אַריינ־געגאָסן אין דער באַוועגונג, האָט געהאַלטן פאַר פּאַסיק און ווירקזאַם צו לייזן עקאָנאָמישע שטרייטן מיט דער פויסט. אין די לעצטע יאָרן איז נאָך צוגעקומען דאָס באַפאַלן און מאַכן פאַר אַ קאַליקע אַ שפּיאָן אָדער אַן אַנדער „וורעד״, אַ מייסטער, וואָס האָט זיך געווענדט נאָך פּאָליציייאי־שער הילף.

דער „בונד״ האָט אויפגענומען אַ קאַמף קעגן דעם. שוין אין 1899 האָט זיין אונטערערדישער אָרגאַן געוואָרנט דאָס נישט צו טאָן. אין אַן אַרטיקל „די אַרבעטער־באַוועגונג און דער טעראָר״ איז געזאָגט געוואָרן: „סיי דער פּאָליטישער, סיי דער אינדוסטריעלער טעראָר אַלס סיסטעם איז אין גאַנצן קעגנזעצלעך צו אונזער טאַקטיק, צו די וויסנשאַפטלעכע יסודות, אויף וועלכע עס רוט אונזער אויפגאַבע, אונזערע צילן אין דער קעגנוואַרט און צוקונפט״... „נישט מיט רציחה און גוואַלט קענען מיר זיך דערשלאָגן פאַרבעסערונגען, נאָר מיט אָרגאַניזירטער מאַכט פון אַלע אַרבעטער״... „וואָס ווייטער גייען די אַרבעטער איבער צו רואיקע פּראָ־טעסטן קעגן זייער פּאָליטישן אומרעכט, צו מאַסן־מאַניפעסטאַציעס, וועל־כע זיינען פאָרגעקומען די לעצטע צייט אין אייניקע ערטער. אָנווענדן גוואַלט הייסט פאַרטונקלען דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין און דאָס מיטל אַנטקעגנצושטעלן דער רעגירונג און דעם הערשנדיקן קלאַס קאַפּיטאַליסטן דעם באַוואוסטזיניקן אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס״ [2].

דער פערטער בונדישער צוזאַמענפאָר האָט וועגן דער פראַגע דער־קלערט: „אַזוי ווי דער עקאָנאָמישער טעראָר, סיי קעגן די באַלעבאַטים,

סיי קעגן שטרייק־ברעכער, פאַרטונקלט דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן באַ־וואוסטזיין פון די אַרבעטער, דערנידעריקט זייער מאָראַלישן ניוואָ און דיסקרעדיטירט די אַרבעטער־באַוועגונג — זאָגט זיך דער צוזאַמענפאָר אַרויס קעגן אים". ער האָט גלייכצייטיק אָפּגעוואָרפן דעם טעראָר ווי אַ מיטל פון פּאָליטישן קאַמף. ער האָט אויך באַשלאָסן, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל זיך נישט פאַרנעמען מיט דעם אַזוי־גערופענעם „פּאַרטיידיקונגס־טעראָר" אויף צו באַזייטיקן פּראָוואָקאַטאָרן און באַזונדערס שעדלעכע שפּיאָנען. דאַקעגן האָט דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט צו שטעלן אַ מאַסן־ווידערשטאַנד דער פּאָליציייאישער ברוטאַליטעט און הפקרות. קעגן די גרויזאַמקייטן און גוואַלדטאַטן מצד די צאַרישע מאַכט־האָבער זאָלן אָנגעווענדט ווערן פּאָליטישע מיטלען, צווישן זיי פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אַ נייעס אין די יידישע שטעט און שטעטלעך.

דער דיכטער אברהם רייזען האָט אונטערגעכאַפּט די נייע שטימונג און אין אַ ליד גערופן:

אָ, צי־זיך, צי־זיך, אַרבעטס־פאָלק,
אָ, צי־זיך ווייט און לאַנג!
וועק־אויף אין גאַס די טויבע לייט
מיט לידער און געזאַנג!
גיי דורך די גאַס, גיי דורך דעם מאַרק —
באַווייז ווי גרויס דו ביזט און שטאַרק!

צווישן די שטעט, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, האָט ווילנע פון דער ערשטער רגע אָן פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט ביי דער מזרח־וואַנט. און ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס די דאָזיקע שטאָט איז געוואָרן „דאָס וויגעלע" פון „בונד". צום אינטערנאַציאָ־נאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין סעפּ־טעמבער 1900 אין פּאַריז, איז די בונדישע באַוועגונג פון דער שטאָט ווילנע געקומען מיט 1400 אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון 30 פאַרשיידענע פאַכן. אין דער פּאַרטיי זיינען שוין געווען פיל באַוואוסטזיניקע סאָציאַ־ליסטן, פּאָליטיש געשולטע מענטשן, אַרבעטער־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע

זיינען געווען גרייט צו ברענגען שווערע קרבנות פֿאַר זייערע איבערציי־גונגען און פֿאַר דער באַוועגונג. נישט געקוקט אויף די שטאַרקע רעפּרע־סיעס און אַרעסטן אָן אויפהער, האָט דעמאָלט די בונדישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין ווילנע געציילט 500 מיטגלידער, אַחוץ אַ פֿיל גרעסערער צאָל אין די אומלעגאַלע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען. ביי די דעמאָלטיקע באַדינגונגען אין צאַרישן רוסלאַנד און ביים שלעכטן מצב פֿון דער רוסי־שער אַרבעטער־באַוועגונג איז דאָס געווען אַ קאָלאָסאַלע ציפֿער. מעגלעך איז דאָס געווען אַ דאַנק דעם גרויסן אידעאַליזם און הויכן באַוואוסטזיין, מיט וועלכע אַ באַדייטנדיקער שיכט פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט האָט זיך שוין דעמאָלט אויסגעצייכנט.

די אָרטיקע יידישע אַרבעטער פֿון יענער צייט שילדערט זייער צייטונג, דער אָרגאַן פֿון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ווילנע, אַזוי:

„די אַרבעטער מאַסע אין ווילנע, צוזאַמען מיט איר עקאָנאָמישער פֿאַרקנעכטונג וואַרפֿט אויך אַראָפּ פֿון זיך איר גייסטלעכע פֿאַרקנעכטונג. עס זיינען שוין ניטאָ די יאָרן, ווען דער אַרבעטער נאָכן לאַנגן אַרבעטס־טאָג פֿלעגט אַוועקגיין אין ‚חברה פּועלים‘, ‚חברה עין יעקב‘, כדי אָנ־צוקלייבן אָנשטאָט עולם הזה כאָטש עולם הבא. עס גייען אויך אויס די יאָרן, ווען דער אַרבעטער פֿלעגט קלייבן פֿאַרגעניגנס אין די שענקען א. ד. גל. ביים אַרבעטער האָבן זיך אַרויסגערופֿן אַנדערע באַדערפֿענישן — די באַדערפֿענישן אין אַ ביכל, אין אַ פֿאַרשטענדיקן וואָרט. ער וויל פֿאַרשטיין וואָס עס קומט פֿאַר אַרום אים. ער וויל וויסן דעם סוד פֿון זיין טרויעריקער לאַגע. ער וויל וויסן פֿאַרוואָס שטייט די רעגירונג פֿיינדלעך קעגן אים“ [3]).

דער אַוואַנגאַרד פֿון די יידישע אַרבעטער איז שוין צוגעוואוינט גע־וואָרן צו מאַניפֿעסטירן דעם 1טן מאַי איבער די גאַסן, צו דעמאָנסטרירן פֿאַר דער טורמע אָדער ביים וואָקזאַל, ווען מ׳פֿירט פּאָליטישע אַרעסטירטע אַרויס פֿון שטאָט קיין מאָסקווע אָדער סיביר. ער האָט זיך אויסגעלערנט נישט צו פֿאָלגן דער פּאָליציי, צו קעמפֿן פֿאַר זיין רעכט פֿריי צו ריידן, פּראָטעסטירן און מאַניפֿעסטירן. ביז 1899 האָט מען נאָך אָפּגעהאַלטן 1טע מאַי־פֿאַרזאַמלונגען אין וואַלד אָדער אין געהיימע דירות. אין דעם

יאָר האָבן די ווילנער יידישע אַרבעטער דאָס ערשטע מאָל דעמאָנסטרירט אין צענטער שטאָט.

פון יאָר צו יאָר איז בכלל געוואָרן שווערער דאָס צונויפקומען זיך אין די וועלדער, ווייל פּאָליציי און מיליטער פלעגן באַצייטנס אַהין קומען און אוממעגלעך מאַכן די פאַרזאַמלונגען. דאָס האָט במילא צוגע־איילט דאָס איבערגיין פון וואַלד אין שטאָט. דאָס ערשטע מאָל האָבן זיך די יידישע אַרבעטער צונויפגעקליבן אין שטאָטישן גאָרטן דווקא פאַרן הויז פון גענעראַל־גובערנאַטאָר. אַרום טויזנט מאַן, מיט אַ פּאַנאַנדער־געוויקלטער רויטער פאָן, מיט געזאַנג און אויסרופן. „די פּאָליציי, וואָס האָט זיך געפונען אין גאָרטן בעת דער דעמאָנסטראַציע, האָט נישט גערירט די אַרבעטער, מורא האָבנדיק פאַר זיי” [4]. ערשט אויף דער ברייטער גאַס האָבן זיך באַוויזן גרעסערע פּאָליציי־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן די דעמאָנסטראַציע צעטריבן.

ס'איז געקומען דער ערשטער מאַי 1900 — און ווידער דאָס זעלבע, אַזוי אויך אין 1901. ביי די יידישע אַרבעטער פון ווילנע איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע צו פייערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יום־טוב מיט אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע — מעג די צאַרישע מאַכט נישט לאָזן, מעג זי שיקן פּאָליציי, קאָזאַקן און מיליטער צו צעטרייבן, שלאָגן און אַרעסטירן.

2. אַ נייער גובערנאַטאָר און שמיץ

אין הערבסט 1901 האָט די צאַרישע רעגירונג אַראָפּגעשיקט קיין ווילנע אַ נייעם גובערנאַטאָר. זיין נאָמען איז געווען וויקטאָר פאָן וואַל. דאָס איז געווען אַ מאַן פון איבער 60 יאָר און מיט אַ „רייכער פאַרגאַנגענ־הייט". זיין קאַריערע אין קאַמף קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט ער נאָך אָנגעהויבן אַלס יונגער אָפיציר פון דער רוסישער אַרמיי ביים דערשטיקן די פוילישע „פּאָווסטאַניע" (אויפשטאַנד) אין יאָר 1863. שפּעטער איז ער געווען גובערנאַטאָר אין אַ ריי גובערניעס: יאַראָסלאַ־ווער, כאַרקאָווער, וויטעבסקער, פּאָדאָליער, וואָלינער און קורסקער. אין די יאָרן 5־1892 האָט ער פאַרנומען דעם אַמט פון פּעטערבורגער גראַ־דאָנאַטשאַלניק.

גענעראַל פאָן וואַל האָט געשטאַמט פון די דייטשע באַראָנען אין באַלטישער געגנט. ער האָט געהערט צו יענעם שיכט דייטשע דינער פון רוסישן רעזשים, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער קנעכ־טישער הכנעה לגבי דעם צאַריזם און אַכזריותדיקער דעספּאָטיע לגבי דער באַפעלקערונג. צו די דאָזיקע „מעלות" פון זיין שטאַנד, האָט ער נאָך פאַרמאָגט אייגענע אויך. ער איז געווען אַ טיראַן, אַ ציניקער, אַ כאַבאַרניק און אַן אַנטיסעמיט דערצו. ווען ער איז געווען וויטעבסקער גובערנאַטאָר, האָט ער געהייסן אויספּאַטשן איניקע שילער פון דער אָרטיקער גימנאַזיע. בעת ער איז געווען כאַרקאָווער גובערנאַטאָר, זיי־נען אויסגעבראָכן פּויערים־אומרוען. ער האָט באַפוילן צו שמייסן. עטלע־כע פּויערים זיינען דערשלאָגן געוואָרן צום טויט. אַלס גראַדאָנאַטשאַלניק אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט, האָט ער געזאָגט צו די אַרבעטערינס פון דער טאַבאַק־פאַבריק „לאַפערם", וועלכע האָבן פאַרלאַנגט אַ הוספה: אויב

אייער לוין איז צו קליין, קענט איר דאָך אויך האָבן אַ זייטיק פאַרדינסטל אין גאַס... ער פלעגט מאַכן אָפטע אַבלאַוועס אויף יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין וואוין־רעכט אין פעטערבורג. ביי רייכע יידן האָט ער גענומען אַ פעטע מטבע און זיי אָפּגעלאָזט, און די אָרעמע האָט ער אָן רחמנות אַרויסגעשיקט. אין דער הויפט־שטאָט האָט ער ברייט אָנגעווענדט אַדמיניסטראַטיווע רעפּרעסיעס — געבן שטראָפן אָן אַ געריכט.

אים האָט די רוסישע רעגירונג געשיקט קיין ווילנע. פאַרוואָס עפּעס גראָד ווילנע?

4 יאָר האָט שוין עקזיסטירט דער „בונד", וועלכער האָט אין 1898 שטאַרק צוגעהאָלפן צו דער אַנטשטייאונג פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. די ערשטע יאָרן איז די ס. ד. אַ. פּ. געווען שוואַך. דער איינציקער טייל פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט און איז כסדר געוואָרן שטאַרקער, איז געווען דער „בונד". איז דאָס אַליין שוין געווען אַ גענוגנדיקער מאָטיוו פאַרוואָס די צאַרישע מאַכט זאָל אים שענקען אַ סך אויפמערקזאַמקייט. אָבער נישט דאָס אַליין. אין זייער אַנטיסעמיטישער פאַרבלענדניש האָבן די זיילן פון צאַרישן רעזשים זיך איינגערעדט, אַז די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז בכלל אַ יידישער אויפטו. אומעטום האָבן זיי געזען דעם ייד. זיי האָט זיך געדאַכט, אַז מיטן צעקלאַפּן דעם „בונד" וועלן זיי שוין פאַראייניקעס דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דער גאַנצער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דער פּולער אונטערדריקונגס־אַפּאַראַט איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. אַרעסטן, טורמעס, סיביר און אַנדערע רעפּרעסיווע מיטלען זיינען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. מ'האָט זיך נישט פאַרלאָזט בלויז אויף דער אָרטיקער אָכראַנע (געהיים־פּאָליציי). דער מאָסקווער אָכראַנע־שעף זובאַטאָוו האָט אַראָפּגעשיקט אין ראַיאָן פון „בונד" ספּעציעלע געניטע אַגענטן. און נישט בלויז מיט רעפּרעסיווע מיטלען אַליין האָט מען געוואָלט שלאָגן די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. אין יאָר 1901 האָט זובאַטאָוו אין מינסק געשאַפן אַ „יידישע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי", וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אָוועקצונעמען די יידישע אַרבעטער פון „בונד". די „ניעזאַוויסימצעס" („אומאָפּהענגיקע")

זיינען געקומען צום יידישן אַרבעטס־מענטש און צו אים געטענהט: דו ווילסט זיך פֿאַרבעסערן דיין עקאָנאָמישע לאַגע, מיר וועלן דיר העלפֿן. לאָז דיר נישט פֿאַרדרייען דעם קאָפּ דורכן „בונד", וועלכער איז גאָר אויסן עפּעס אַנדערש — פּאָליטיק, קאַמף קעגן דער רעגירונג. פֿאַרקערט, די רעגירונג וועט דיך גאָר אונטערשטיצן אין דיין גערעכטן קאַמף קעגן די באַלעבאַטים.

די איינציקע שטאָט, וואו די „זובאַטאָוצעס־ניעזאַוויסימצעס" האָבן געהאַט דערפֿאָלג, איז געווען מינסק. (דאָס האָט געדויערט ביז זומער 1903, ווען די פּאַרטיי האָט אָנערקענט איר דורכפֿאַל און זיך ליקווידירט). דאַקעגן איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז זיי וועלן נישט קענען איינבייסן ווילנע. און די דאָזיקע שטאָט איז געווען באַזונדערס וויכטיק, ווייל דאָרטן האָט זיך דעמאָלט געפֿונען די שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד". און זיי האָבן טאַקע אין ווילנע נישט געקענט פֿאַרזייען דאָס גיפֿטיקע געוויקס פֿון דער „זובאַטאָווטשינע". דער אויספֿיר איז געווען: אויב מ'קען די בונדישע באַוועגונג אין הויפּט־צענטער נישט ברעכן מיטן פֿיינערן אינסטרומענט פֿון די „ניעזאַוויסימצעס", זאָל מען שטאַרקער קלאַפּן מיטן האַמער פֿון אָפֿענער גוואַלט. אויך די פּוילישע און ליטווישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען אַקטיוו אין ווילנע. דאָס אַלץ האָט אונטערגעזאָגט אין די רעגירנדיקע ספֿערן אין פּעטערבורג, אַז מען דאַרף האָבן אין ווילנע אַ פֿאַסיקן מענטש מיט אַ שטאַרקער האַנט. די צאַרישע רעגירונג האָט פֿאַר יעדן פּרייז געוואָלט איינעמען די רעוואָלוציאָנערע פֿעסטונג פֿון ווילנע. זי האָט אַהין געשיקט דעם ריקזיכטלאָזן פֿאָן וואַל. אין ווילנע האָט מען געשמועסט, אַז ס'איז געקומען אַ נייער „מוראַוויאָוו דער תליון".

באַלד נאָכן אָנקומען האָט דער נייער גובערנאַטאָר גערופֿן צו זיך פֿאָרשטייער פֿון דער געזעלשאַפֿט און דערקלערט פֿאַר זיי זיין „פּראָגראַם". דער קורצער זין פֿון זיינע ווערטער איז געווען: מ'זאָל זיך נישט מאַכן קיין שום אילוזיעס, ער וועט געוועלטיקן ביד חזקה.

דער ווילנער קאָמיטעט פֿון „בונד" האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף, וואָס האָט קלאָר געמאַכט, אַז די יידישע אַרבעטער שרעקן זיך נישט פֿאַר די שטאַרקע רייד פֿון פֿאָן וואַלן. דער אויפֿרוף, וואָס איז אַרויס אין

נאָוועמבער 1901 און האָט געטראָגן דעם נאָמען „אָן ענטפער דעם ווילנער גובערנאַטאָר", האָט כאַראַקטעריזירט דעם צאַרישן רעזשים און ווי אַזוי עס ווערן באַהאַנדלט די נישט־רוסישע פעלקער אין די מערב־געביטן. באַזונדערס איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער ספּעציעלער באַציאונג צו יידן. עס ווערט אַרומגערעדט דער פּאַקט וואָס פּאַן וואָל האָט זיך ספּעציעל געווענדט מיט אַ וואָרט צו די יידישע כלי־קודש און צו די פּאָרשטייער פון דער יידישער בורזשואַזיע. און דער אויפרוף זאָגט: „דעם קאַמף מיט דער קראַמאָלע און די דערציאונג פון אונטערוואַקסנדיקן דור אין גייסט פון הכנעה און געהאָרכזאַמקייט — אָט וואָס עס דאַרף אויפשרייבן אויף זיין פּאָן יעדער לאָיאַלער פּאָרשטייער פון יידישן פֿאָלק. אויב אָבער די יידישע בורזשואַזיע און די רביים וועלן נישט זיין בכוח מיט היימישע מיטלען אויסראָטן דעם בונטאַרישן גייסט ביי די יידן, וועט געלאָזט ווערן אין גאַנג דער גאַנצער פּאָליצייאיש־אַדמיניסטראַטיווער אַפּאַראַט און דע־מאָלט וועלן שוין די יידן פילן די פעסטקייט און קראַפט פון דער רעגי־רונגס מאַכט"... „פּאַן וואָל ווייסט אויסגעצייכנט מיט וועמען ער האָט צו טאָן. אַ סך האָט זיך געביטן פון דער צייט, ווען ער איז אַוועק פון די מערב־געביטן; בלויז די יידישע בורזשואַזיע בכלל גענומען איז געבליבן געטריי אירע אַלטע קנעכטישע טראַדיציעס. זי קען נאָך אַלץ נישט אָדער וויל נישט פאַרשטיין, אַז אַזאַ פאָלק, וואָס איז אַליין נישט פעאיק אויסצו־קעמפן די פרייהייט, איז קיין פרייהייט נישט ווערט"...

דאַקעגן „האָט זיך דער יידישער פּראָלעטאַריאַט שטאַרק געביטן פאַר די לעצטע 10—15 יאָר און איז גאָרנישט צו דערקענען. דער שטי־לער, דערשלאָגענער, איינגעקאָרטשעטער אין דרייען יידל־פּראָלעטאַריער, וואָס ציטערט פאַר יעדער קאָקאַרדע, איז שוין היינט נישטאָ. זיין אָרט האָט פאַרנומען דער פּראָלעטאַריער־קעמפער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט צו שעצן זיין מענטשלעכע ווירדע, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט קעמפן פאַר זיינע מענטשלעכע רעכט. און דעם דאָזיקן אומדערמידלעכן קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון עקאָנאָמישער שקלאַפעריי און פון פּאָליטישער און בירגערלעכער רעכטלאָזיקייט פירט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האַנט ביי האַנט מיטן רוסישן, פּוילישן, ליטווישן און לעטישן פּראָלע־טאַריאַט". דער אויספיר איז, אַז עס וועט נישט אָוועקגעלייגט ווערן דאָס

גענוער ביז עס וועט נישט אַראָפּגעוואָרפן ווערן די רוסישע זעלבסט־הערשונג.

דער אויפרוף (זיין מחבר איז געווען מאַיסיי גורעוויטש) האָט דעם סאַטראַפּ פאָן וואַל אַריינגעוואָרפן אין אַ ווילדן כעס. ער האָט אים באַטראַכט, ווי אַ הענטשקע, וואָס איז אים געשמיסן געוואָרן גלייך אין פּנים אַריין. אויסער דעם וואָס ער האָט געהאַט זיין פּאַרטיקן פּלאַן ווי אַזוי צו ברעכן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, האָט ער געזוכט מיט עפּעס נקמה צו נעמען. ער האָט געלייענט, אַז דער יידישער אַרבעטער האָט זיך „אויסגעלערנט צו שעצן זיין מענטשלעכע ווירדע". ער האָט גענומען זוכן אַ געלעגנהייט אַ קלאַפּ צו טאָן אויף דעם פּילבאַרן פּונקט.

קודם האָט ער איינגעפירט „פאַרשטאַרקטע שמירה" („אוסילענאַיאַ אָכראַנאַ"). דאָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט איינזעצן אין טורמע אויף 3 חדשים און פאַרשיקן אויף 3 יאָר אָן משפּט. ער האָט זיך באַמיט צו באַליידיקן יידישע אַרבעטער און דערביי ווייזן זיין אַנטיסעמיטישן פּרצוף. ווען מ'האָט געבערענגט אין ווילנער טורמע אַ סך אַרעסטירטע שטרייקער־גאַרבער פון אָשמענע און סמאָרגאָן, איז פאָן וואַל ספּעציעל צו זיי אַוועק. ער איז אַריין אין קאַמער און אַ געשריי געטאָן: זשידעס, פּאַראויס! קיינער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. ער האָט געשריגן נאָך העכער, געביילט די פויסטן, אָבער די יידישע גאַרבער האָבן מיט זייער האַלטונג פולקאָם באַשטעטיקט דאָס, וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרן אין אויפרוף פון ווילנער קאָמיטעט פון „בונד". דער גובערנאַטאָר האָט זיך פּשוט געוואָרפן פון כעס. לסוף איז ער געוואָרן אַ ביסל ווייכער און געהאַלטן אַ רעדע. ער האָט קוים געקענט באַהאַלטן זיין אויפרעגונג. צווישן אַנדערן האָט ער געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין אַנטיסעמיט. ס'זיינען אָבער פאַראַן צוויי סאָרטן יידן (ער האָט עס געוואוסט פון זיין פּעטערבורגער פּראַקטיק...). פאַבריקאַנטן און סוחרים זיינען יעווריעס, די בונטאָווששיקעס זיינען זשידעס...

אַחוץ אַלעמען האָט פאָן וואַל געהאַט אַ פּערזענלעכן גרונט זיך צו סטאַרען. ער האָט געטרוימט וועגן אַ העכערן פּאָסטן און זיין דעמאָלטיקע אַמביציע איז געווען צו ווערן ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר. צווישן די פאַרשיידענע אויפגאַבן, וואָס די העכערע מאַכט האָט אים געגעבן, איז

געוועזן ריין צו מאַכן די שטאָט ווילנע פון אַלע „שעדלעכע עלעמענטן" ביז זומער 1902. פאַרוואָס עפּעס ביז דעמאָלט? ס'איז געוועזן געפּלאַנט, אַז יענעם זומער זאָל אין ווילנע אָפּגעדעקט ווערן אַ דענקמאָל פון דער קייסערין יעקאַטערינע. דער רוסישער צאַר און די צאַרין האָבן געדאַרפט קומען צו דער פייערונג. מוז מען באַזייטיקן יעדע ריזיקע.

פאָן וואַל האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקענט, כדי צו מאַכן שווערער דאָס לעבן פון דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די ווירטסלייט און הויז־וועכטער. ס'איז דעריבער געוואָרן זייער שווער אָפּצוהאַלטן די קאָנספּיראַטיווע פאַרזאַמלונגען. אומעטום האָבן געלויערט שפּיאָנישע אויגן און ס'זיינען געמאַכט געוואָרן שווערע שטערונגען.

פול מיט שנאה צו די יידישע אַרבעטער און זייער רעוואָלוציאָנערן קאַמף, געדענקענדיק גוט זיין אויפגאַבע „איינצושטילן" און „אויסצורייניקן" די שטאָט, האָט ער זיך געגעבן אַ נדר נישט צו דערלאָזן קיין שום עפנטלעכע מאַניפעסטאַציע פון די אַרבעטער און מיט דער גרעסטער ריקזיכטלאָזיקייט דערשטיקן יעדן פּרוּאוו פון פּראָטעסט. ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יום־טוב. פאָן וואַל האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ שעת־הכושר צו שטילן זיין נקמה־דורשט און דערנידעריקן די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער. ער האָט געלאָזט וויסן אין שטאָט, אַז ער וועט נישט דערלאָזן דעמאָנסטרירן דעם 1טן מאַי. און אויב די אַרבעטער וועלן נישט פאָלגן, וועט מען שמייסן מיט ריטער...

דער דייטשער באַראָן און צאַרישער דינער איז געוועזן אַן אַלטער שמייסער. איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס אַזאַ געדאַנק איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין. אין ווילנע האָט מען אָבער געשמועסט, אַז די מחשבה פון שמייסן האָט אים אונטערגעטראָגן שעפּטל קליאַטשקאָ, אַן אַלטער משכיל און אַ פאַרביסענער שונא פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַמאָל איז ער געוועזן קאַזיאָנער ראַבינער און איצט אַן „אָר־טשאַני יעוורעי" אין ווילנער רעגירונגס־קאַנצעלאַריעס. אַ קאַריעריסט, איז ער געקראָכן פון דער הויט געפעלן צו ווערן די הויכע באַאַמטע. צי ס'איז טאַקע געוועזן קליאַטשקאָס טייוואָלישער פּלאַן, צי פאָן וואַל האָט

מיט אים בלויז זיך דורכגעשמועסט וועגן דעם — געגוג, אַז אין שטאָט האָט מען גערעדט... דער אומלעגאַלער בונדישער אָרגאַן פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע — „דער קלאַססען־קאַמפף" — האָט שוין אין דעצעמבער 1901 וועגן דעם געשריבן און אויסגעלאַכט פאַן וואַלן מיט זיין „אוטשאַני יעוורעי". דער שמועס ווערט פאַרגעשטעלט אויף אַזאַ אופן: "אַדוני גובערנאַטאָר! איך מיט מיין נאַרישן שכל וואָלט אַנדערש געטאָן, ווען איך וואָלט געווען אַ גובערנאַטאָר. וואָס איז פאַר זיי טורמע און סיביר? בלאָטע! איך וואָלט די יידישע הולטאַיעס מכבד געווען נאָר מיט ריטער!"

ווי דערמאָנט, האָט מען גערעדט און אַפילו געשריבן, אַז קליאַטש־קאָ האָט פאַן וואַלן אַרויפגעפירט אויפן נישט־ריטערלעכן געדאַנק פון באַקעמפן די „קראַמאָלע" מיט ריטער. אויב מיר שטעלן דאָס אונטער אַ פראַגע־צייכן, איז עס דערפאַר, וואָס אין רוסלאַנד זיינען אין יענער צייט געווען נאָך פאַלן פון לייב־שטראָף. און מחמת דעם האָט די בונדישע צייטונג געשריבן: „דאָס אָנווענדן צו דעמאָנסטראַנטן קערפּערלעכע באַ־שטראָפונג (שמייסן) איז, ווי עס ווייזט אויס, נישט פאַן וואַלס אייגענער אויסקלער: נישט לאַנג פאַר סיפּיאַגינס טויט האָבן אייניקע זשאַנדאַרמ־סקע פאָלקאָווניקעס זיך באַרימט, אַז זיי האָבן באַקומען אַ דערלויבניש אָנצואווענדן לייב־שטראָף צו די, וואָס ווען זיך נאָר דערוועגן אויסדריקן זייער פּראָטעסט קעגן דער רעגירונג"[6]).

ווער ס'זאָל נישט האָבן געווען דער פאָטער פון דעם ווילדן געדאַנק צו געבן רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער לייב־שטראָף, די זאַך האָט אָנגע־הויבן אויסצווזען ערנסטער וואָס מער מ'האָט זיך דערנעענטערט צום 1טן מאַי 1902. די ידיעה, אַז מ'וועט שמייסן, האָט גענומען שטאַרקער קור־סירן אין שטאָט. מענטשן האָבן אַפילו דערציילט, אַז מ'האָט געזען פירן אין שטאָט וואָגנס מיט ריטער...

אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" איז אויפגעהויבן גע־וואָרן די פראַגע צי ביי אַזאַ לאַגע דאַרף מען איינאָרדנען אַ דעמאָנסטראַציע. די קעגנער פון אַ דעמאָנסטראַציע האָבן קוועסטיאָנירט די רעכט פון דער אָרגאַניזאַציע אויסצושטעלן אירע מיטגלידער און אָנהענגער אויף דער געפאַר פון אַזאַ שענדלעכער עקזעקוציע. דעריבער זאָל מען זיך באַגנוגענען מיט אַ שטרייק. זיי האָבן אַרויסגערוקט נאָך אַן אַרגומענט: די קריסט־

לעכע אַרבעטער קומען נישט, און ביי דער געפּערלעכער לאַגע דאַרף מען נישט מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע פון בלויז יידישע אַרבעטער. מיט אַ קליינער מערהייט שטימען איז באַשלאָסן געוואָרן די דעמאָנסטראַציע יאָ צו מאַכן. דער וויכטיקסטער מאָטיוו פון דער מערהייט איז געווען, אַז אָפּזאָגן זיך פון אַרויסגיין אין גאַס, וואָלט געווען אַ קאַפּיטולאַציע אָן קאַמף און וואָלט דערמוטיקט פאָן וואַלן ווייטער צו גיין אויפן וועג פון אָנווענדן די שענדלעכסטע מיטלען צו טעראָריזירן און דערנידעריקן די ווילנער אַרבעטער.

די יידישע אַרבעטער זיינען שוין געהאַט אַוועק פון דער פּראַקטיק אין די ניינציקער יאָרן (19 י״ה), ווען דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־יום־טוב פלעגט געפּייערט ווערן דורך פאַרזאַמלונגען אין געהיימע דירות אָדער אין וואַלד. שוין דריי יאָר, ווי עס קומען פאָר אָפענע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. די פּאָליציי מיט דער הילף פון מיליטער און קאָזאַקן האָט טאַקע געשטערט, אָבער די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער האָבן פאַרט מאַרשירט און נישט געלאָזט זיך פאַנאַנדערטרייבן. ס׳איז געווען אַ גע־ראַנגל פאַר די רעכט פון אַרבעטס־מענטש פריי צו פּראָקלאַמירן זיין ווילן. די 1טע מאַי־דעמאָנסטראַציעס האָבן געמאַכט אַ רושם אין שטאָט און זיינען שוין געוואָרן אַ חזקה. דערשרעקן זיך פאַרן גובערנאַטאָרס דראָאונגען וואָלט געווען אַ ריקצוג מיט נישט קיין גוטע פאָלגן.

מ׳האָט זיך גענומען גרייטן.ביידע צדדים האָבן עס געטאָן. ערב דעם 1טן מאַי (לויטן רוסישן קאַלענדאַר דעם 18טן אַפּריל) זיינען אין שטאָט פאַרשפּרייט געוואָרן אויפרופן פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אַ ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציע איז געווען געווענדט צום מיליטער. מ׳האָט אויך געקלעפּט אויף די ווענט. דערביי האָט מען קיינעם נישט געכאַפּט. דאָס האָט נאָך מער צעררייצט דעם גובערנאַטאָר. ער האָט מאָביליזירט מיליטער, קאָזאַקן און פּאָליציי. אין טאָג פון 1טן מאַי האָט ער אַרויסגע־שיקט שטאַרקע פּאַטרולן אין די גאַסן. זשאַנדאַרמען און קאָזאַקן זיינען אַרומגעריטן אויף פערד. די סטרוזשעס האָט מען אָנגעזאָגט 7 פאַרנאַכט צו פאַרשליסן די טויערן און אומבאַקאַנטע נישט אַריינלאָזן און נישט אַרויסלאָזן פון די הויפן. אויף אַ סך גאַסן זיינען שוין 4 אַזייגער די טויערן פאַרמאַכט געוואָרן און די סטרוזשעס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט

מיט שטעקנס אין האַנט. כדי צוצוגעבן חשק, האָט מען די סאָלדאַטן גע־זאָגט, אַז די יידן און פּאָליאַקן גרייטן צו אַ בונט.

די יידישע אַרבעטער האָבן דעם טאָג געשטרייקט, דאַקעגן האָבן די נישט־יידישע אַרבעטער געאַרבעט. די פּוילישע און ליטווישע אָרגאַ־ניזאַציעס זיינען נישט געווען בכוח אָפּצושטעלן די אַרבעט, זיי האָבן אָבער צוגעזאָגט צו ברענגען זייערע מענטשן צו דער געפּלאַנטער געמיינ־זאַמער דעמאָנסטראַציע. אַזוי ווי די ניט־יידישע אַרבעטער האָבן דעם טאָג געאַרבעט, איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהויבן די דעמאָנסטראַציע שפּעט, אַרום האַלב אַכט פאַרנאַכט.

צו דער באַשטימטער צייט זיינען אויף די אָפּגערעדטע פּונקטן — אויף דער דייטשער, יידישער, ברייטער, יאַטקעווער, גלעזער און שכנישע גאַסן — געווען פאַרזאַמלט אַרום אַ טויזנט יידישע אַרבעטער. מיט אַ פאַרשפּעטיקונג איז אויך געקומען אַ קליינע צאָל נישט־יידישע אַר־בעטער. ס׳איז געווען שווער אָנצוהויבן, ווייל די גאַנצע געגנט איז געווען פול מיט פּאָליצייַ און אין געוויסע הויפן זיינען געשטאַנען אָנגעגרייט מיליטער און קאָזאַקן. אייניקע זייטיקע געסלעך זיינען געווען אָפּגעצוימט און מ׳האָט דעם עולם נישט געלאָזט צוקומען צו דער דייטשער גאַס, וואו די דעמאָנסטראַציע האָט זיך געזאָלט אָנהויבן. ס׳איז שוין בכלל געווען אַ ספק צי ביי אַזעלכע באַדינגונגען וועט געלינגען אָנהויבן דעם מאַרש.

דאָך איז דער אָנהויב געמאַכט געוואָרן. מ׳האָט פאַנאַנדערגעוויקלט צוויי רויטע פענער. דאָס באַווייזן זיך פון די פענער האָט מען אויפגענו־מען מיט אַ הילכיקן הוראַ. דער גרעסטער טייל פון עולם האָט אַפילו נישט באַוויזן צוקומען און אָנהויבן מאַרשירן. אויף דער סצענע זיינען גלייך דערשינען פּאָליציאַנטן און סטרוזשעס. באַלד זיינען אין גאַלאָפּ געקומען צופליען אויף די פערדלעך קאָזאַקן. זיי האָבן זיך אַריינגעשניטן אין עולם און אַ טייל אַרומגערינגלט. אין די קלענערע זייטיקע געסלעך האָט מען געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און אָפּגעשלאָגן אַ טייל אַרעסטירטע. בעתן אָנפאַל האָט מען געקאַטעוועט — סיי דעמאָנסטראַנטן, סיי זייטיקע מענטשן. צווישן אַנדערע איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן דער פאָן־טרעגער הירשל פיינבערג (דער פריקאַזטשיק). ליגנדיק אויף דער ערד

אַ צעבלוטיקטער, האָט ער נאָך אַלץ געשריגן אין פּנים אַריין די צאַרישע אַנפאַלער: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!". דער צווייטער איז געווען וועלוול דער מאַליער (פאַמיליע־נאָמען שאַץ), וועלכער האָט גע־טראָגן אַ רויטע פאָן מיט דער אויפשריפט: „עס לעבע די רעוואָלוציע!" וועלוולען האָט מען אויך אַרעסטירט, מ'האָט אָבער ניט דערקענט, אַז ער האָט געטראָגן די פאָן. פאַרן צווייטן פאָן־טרעגער האָט פּאָליציי גאָר אָנגענומען הירש באָטווינניק, אַן אינטעליגענט, וועלכער איז געווען אַ טוער אין „בונד". דערביי האָט מען אים מוראדיק צעשלאָגן. בכלל האָט מען דע־מאָלט אַרעסטירט עטלעכע און דרייסיק מאַן, צווישן זיי אַ צאָל סתם פאַרבייגייער. און ווער עס האָט אויסגעמיטן קלעפּ בעתן אַרעסט, האָט זיי באַקומען שפּעטער אין דער פּאָליציי. אויף דער גאַס האָבן אויך אייניקע פּאָליציאַנטן און קאָזאַקן באַקומען קלעפּ פון די דעמאָנסטראַנטן. איין קאָזאַק האָט מען צעשפּאָלטן דעם קאָפּ אויף דער יידישער גאַס, אויף דער זעלבער גאַס האָט מען אָפּגעשלאָגן אייניקע אַרעסטירטע. דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער שלאַכט איז געווען פאָן וואַל אַליין. אייניקע מאָל איז ער אין אַ פאַרמאַכטער קאַרעטע דורכגעפאָרן די דייטשע גאַס, געגעבן באַפעלן און אָפּגענומען באַריכטן.

דעם זעלביקן אָוונט האָט דער „בונד" דורכגעפירט אַ דעמאָנסטראַ־ציע אין טעאַטער, וואו מ'האָט געשפּילט זודערמאַנס פּיעסע „היימאַט". צו דער פאָרשטעלונג איז געקומען די „סמעטענע" פון דער געזעלשאַפט, מיליטער־לייט און באַאַמטע מיטן גובערנאַטאָר בראש. אין מיטן דער פאָרשטעלונג האָבן בונדיסטן אַראָפּגעוואָרפן פון דער גאַלעריע בלעטלעך מיט באַגריסונג־לאָזונגען צום 1טן מאַי און קעגן דער זעלבסטהערשונג. אין טעאַטער איז געוואָרן אַ טומל. פּאָליציי און אַגענטן האָבן פאַרשטעלט די אַרויסגענג פון דער גאַלעריע און אַרעסטירט 18 מענטשן. אַחוץ דעם האָט מען פאַרשריבן די נעמען פון 60 (4 פון די פאַרהאַלטענע האָט מען שפּעטער פאַרשיקט אין סיביר). כאָטש די אַרעסטירטע אָנטיילנעמער פון דער גאַסן־דעמאָנסטראַציע זיינען געבראַנגט געוואָרן אין אַרעסט צעשלאָגענע, צעביילטע און צעבלוטיקטע, זיינען זיי דאָך געווען מונטער און אין קאַמער געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. ס'איז אַוועק אַ שטיקל צייט און דער בלוט־דורשטיקער גובערנאַטאָר האָט זיך באַוויזן פאַר

דער קאַמער מיט אַן אָפּטיילונג קאָזאַקן. די קאָזאַקן האָבן זיך אויסגע־שטעלט אין צוויי רייען אין קאָרידאָר און די אַרעסטירטע זיינען איינציקווייז אַרויסגעפירט געוואָרן. אונטער דעם רוצחישן כוואַשטשען פון די נאַהאַיקעס זיינען די אַרעסטירטע אַדורכגעלאָפן „סקוואָז סטראָי״. מיט פרישע וואונדן האָט מען זיי נאָך האַלבער נאַכט צוריק אַריינגעשליידערט אין קאַמער.

פאַר פאָן וואַלן איז דאָס געווען צו ווייניק. צומאָרגנס פרי איז ער צוגעטרעטן אויספירן דעם צווייטן אַקט פון זיין פּלאַן — מקיים זיין די דראָאונג פון שמיץ. די אַרעסטירטע האָט מען אַרויסגעפירט אין קאָ־רידאָר. אויפן אָרט זיינען געווען דער גובערנאַטאָר, דער פּראָקוראָר, דער פּאָליצמייסטער נאַזימאָוו, דער שטאָט־דאָקטאָר מיכאַילאָוו, אַלע פּריסטאַווס, אַ גרופּע פּאָליציאַנטן, קאָזאַקן און פייערלעשער, וועלכע האָבן געבראַנגט די ריטער. פאָן וואַל — אַ נידעריקער, אַ גראָבער מיט אַ רויט פּנים, איז שוין געווען שיכור. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ שוי־דערלעכער זידלעריי. דער פּראָקוראָר האָט געהאַלטן אַ רעדע און דער־קלערט, אַז אייגנטלעך וואָלט מען געדאַרפט די דעמאָנסטראַציע צע־שיסן, מ׳האָט עס ניט געטאָן בלויז דערפאַר, וואָס מ׳האָט נישט געוואָלט ס׳זאָלן פאַלן קרבנות זייטיקע מענטשן. מ׳וועט זיך אָבער מיט די חוצפּה־דיקע ייִנגלעך אָפּרעכענען אויף אַן אַנדערן אופן.

די שרעקלעכע שינדעריי האָט זיך אָנגעהויבן. לויט דער ריי האָט מען אויסגערופן יעדן ביים נאָמען און אַוועקגעלייגט אויף אַ ברעט. איין קאָזאַק האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן קאָפּ, אַ צווייטער אויף די פיס. צוויי קאָזאַקן פון ביידע זייטן האָבן געשמיסן אויפן הוילן לייב (לויט אַן אַנדערן נוסח האָבן געשמיסן פייערלעשער — און אפשר זיינען ביידע געווען באַ־טייליקט אין דעם). געגעבן האָט מען ווייניקסטנס 20 שמיץ. דער רוב האָט באַקומען מער. עטלעכע האָבן אַפילו באַקומען צו 30 שמיץ. דער דאָקטאָר מיכאַילאָוו האָט פעסטגעשטעלט צי דער קרבן קען פאַרטראָגן נאָך מער שמיץ. אייניקע האָבן געחלשט, האָט מען זיי אָפּגעמינטערט און ווייטער געשמיסן. דער גובערנאַטאָר פאָן וואַל האָט אַליין אַכטונג געגעבן, אַז די שמיץ זאָלן זיין שטאַרקע. אויב ס׳איז געווען אַ שוואַכער קלאַפּ, האָט ער געהייסן אים נישט פאַררעכענען. ער האָט אַכטונג גע־

געבן, אַז מ׳זאָל זיך נישט איילן. ווען די ריטער, וואָס זיינען פריער געווען געווייקט אין וואַסער, זיינען אָפּגענוצט געוואָרן, האָט מען דער־לאַנגט פרישע. ביי יעדן האָט מען געביטן אַ פּאָר מאָל די ריטער.

בכלל האָט מען געשמיסן 26 מאַן — 20 יידן און 6 פּאָליאַקן. צווישן זיי איז געווען אַ גרויסער טייל גאַנץ זייטיקע מענטשן, וועלכע האָבן צו דער דעמאָנסטראַציע קיין שום שייכות נישט געהאַט און זיינען צופעליק פאַרהאַלטן געוואָרן אין גרויסן טומל. זייערע געבעטן און טענות, אַז זיי זיינען אומשולדיק, האָבן גאָרנישט געהאָלפן. אַ פּאָר פּאָליאַקן האָבן פאַרן לייגן זיך אויפן ברעט זיך איבערגעצלמט. איין פּאָליאַק האָט נאָכן באַ־קומען זיין חלק שמיץ, זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט צום גובער־נאַטאָר: נאַ, טרינק מיין בלוט! מ׳האָט אים צוריקגעלייגט און אַ צווייט מאָל געשמיסן זיין לייב. אַ יידישער אַרבעטער האָט נאָך די שמיץ אַ שפּיי געטאָן פאַן וואַלן אין פּנים אַריין.

די עקזעקוציע האָט זיך געצויגן לאַנג און פאַן וואַל איז געווען זייער אַקטיוו. מיט אַ סאַדיסטישער הנאה האָט ער באַטראַכט זיינע קרבנות. נאָכן אַראָפּגיין פון ברעט האָט ער יעדן איינעם דערלאַנגט אַ צעטעלע מיט אַן אויפשריפט: „מיר באַגריסן אייך צום 1טן מאַי, דעם אַלוועלט־לעכן אַרבעטער־יום־טוב!״. וואַרשיינלעך זיינען דאָס געווען צעטעלעך, וואָס מ׳האָט פאַריקן אָוונט געוואָרפן אין טעאַטער. ווען ס׳זיינען געפאַלן די שמיץ האָט פאַן וואַל געשריגן: „זשידעס, איך וועל אייך אַלעמען דערשיסן אָדער אַרויסטרייבן פון לאַנד!״

פיינבערגן און באַטוויניקן, ווען מ׳האָט באַשולדיקט אין טראָגן די פענער, האָט מען נישט געשמיסן. זיי האָבן אָבער די גאַנצע צייט געמוזט שטיין אין קאָרידאָר פון פּאָליצײ־צירקל, וואו די עקזעקוציע איז פאָרגעקומען, און צוקוקן. מ׳האָט זיי „געשוינט״ צוליב דעם, וואָס זיי האָט מען געדאַרפט איבערגעבן דעם געריכט צו אַ פּראָצעס און עס איז נישט געווען באַקוועם אויף אַזאַ וועג ברענגען די סאַדיסטישע ווילדקייטן צו דער עפנטלעכקייט. נאָך דער עקזעקוציע איז דער גובערנאַטאָר צו־געגאַנגען צו די פאָנען־טרעגער און צו זיי געזאָגט: „איר האָט געזען? דאָס איז דאָך די אַרבעט פון אייערע הענט. אייך וועט מען נישט שלאָגן, ווייל איר וועט ווייט אַוועקגיין״. הירש באַטוויניק איז נישט געווען דער

פאַן־טרעגער, נאָר דער וואָס האָט אָנגעהויבן די דעמאָנסטראַציע דורך וואַרפן רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. דאַקעגן דער צווייטער פאַן־טרעגער, וועלוול דער מאַליער, ווען מען די פּאָליציי האָט נישט דערקענט, איז געווען צווישן די געליטענע פון דער שינדעריי און מען האָט אים באַלד אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי.

די פּרטים פון דער עקזעקוציע זיינען שפּעטער אויפגענומען געוואָרן ביי די קרבנות. מיר וועלן דאָ איבערגעבן אַן אויסצוג פון אַ בריוו, וואָס עס האָט געשריבן איינער פון די אַרעסטירטע:

„...ווען מען האָט אונז אַרויסגעפירט פון קאַמער און מיר האָבן דערזען די באַנק, האָבן מיר געטראַכט, אַז מיר וועלן די ערשטע דאָס האָבן אויסצושטיין. מיר האָבן אָבער געהאַט אַ טעות. מ'האָט אונז אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט. 'זיי שטעלן אין אַ זייט, זאָלן זיי זען ווי מען וועט שמייסן זייערע חברים און נאָך דעם וועט זיין אַ באַזונדערער באַפעל וועגן זיי', האָט פאַן וואָל קאָמאַנדעוועט. ווען מ'האָט אונז אַוועקגעשטעלט צווישן די פּאָליציאַנטן, האָב איך זיך גענומען אַרומקוקן. גלייך קעגן אונז איז געשטאַנען אַ באַנק און דערביי זיינען געלעגן אייניקע ריטער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַ בעזים — שטענגלעך מיט צווייגן. פון דער אַנדערער זייט באַנק, אַ ביסל לינקס, איז געשטאַנען דער גובערנאַטאָר און דער פּאָליצמייסטער. אַ ביסל ווייטער — אַלע פּריסטאַווס פון דער שטאָט ווילנע. נישט ווייט פון דער טיר זיינען געשטאַנען רייען קאָזאַקן, וויפל רייען האָב איך נישט באַמערקט. דערביי זיינען געווען 8 פּאַזשאַרניקעס (פייערלעשער) מיטן בראַנדמייסטער, אָנגעטאָן ווי צו אַ שרפה. ביי דער טיר איז געלעגן אַ באַרג ריטער. דער גובערנאַטאָר האָט אויסגעקליבן צוויי הויכע, געזונטע פּאַזשאַרניקעס פאַר די עקזעקוטאָרס און האָט זיי געהייסן שטעלן זיך פון ביידע זייטן באַנק"...

ווייטער ווערט דערציילט אין בריוו: „ווען אַלע צוגרייטונגען זיינען געווען פאַרטיק, האָט דער גובערנאַטאָר גענומען אַ פּאַפּיר און האָט אויסגערופן איין נאָמען. דער פּריסטאַוו סניטקאָ האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם אומגליקלעכן. מען האָט אים אַ כאַפּ געטאָן און אויסגעצויגן אויף דער באַנק. דער גובערנאַטאָר האָט באַפוילן שמייסן נישט איילן. די עקזעקוציע האָט זיך אָנגעהויבן... (די טרערן שטיקן מיך...

איך מוז אויף עטלעכע מינוטן איבערייסן). דאָס זעלביקע איז געווען מיטן צווייטן... דריטן... וויפל מען האָט פאַר מיר געשמיסן, געדענק איך נישט גענוי, מיר דאַכט זיך איבער צוואַנציק. אַ קלויזניק פון דער ישיבה, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט געמאָלדן דעם דאָקטאָר, אַז ער האָט אַ ברוסט־פעלער. דאָקטאָר מיכאַילאָוו האָט אים אַפילו נישט באַטראַכט און געזאָגט: 'שאַדט נישט, מען קען אים שמייסן'... צווישן די אַרעסטירטע האָט זיך געפונען אַ 17־יאָריק יינגל, וועלכער האָט געוויינט און געבעטן מ'זאָל אים נישט שלאָגן, אָבער די תלינים זיינען געווען טויב צו זיינע טרערן און תחנונים... מען האָט געשמיסן אַ קריסט. ער האָט קיין געשריי נישט אַרויסגעלאָזט, ער האָט אָבער צוויי מאָל געחלשט. נאָך דעם ערשטן מאָל חלשן האָט מען אים אַרויסגעטראָגן אין אַ צווייטן צימער. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און דר. מיכאַילאָוו האָט געזאָגט, אַז מ'קען אים געבן די רעשט שמיץ, און דאָס איז גלייך געטאָן געוואָרן"...

לסוף גיט איבער דער בריוו־שרייבער: „געגעבן האָט מען צו 25 ריטער. און די וועלכע זיינען געפאַלן אין חלשות, האָט מען געגעבן ווייניקער. אָבער ווייניקער פון 20 האָט באַקומען בלויז איינער. 3 האָבן באַקומען צו 30, צוויי יידן און איין קריסט"... „ווי שטאַרק מען האָט געשלאָגן, קען מען זיך פאָרשטעלן, אַז נאָך יעדע 10 שמיץ, זיינען פון די ריטער געבליבן נאָר שטיקלעך. ווען איין קאַט איז מיד געוואָרן, האָט אים פאַרביטן אַ צווייטער. כמעט אַלעמען האָט מען צומאָרגנס באַפרייט"[6]).

געבליבן ווייטער אין טורמע זיינען די צוויי, וועלכע מען האָט אָנגענומען פאַר די פאָנען־טרעגער: הירש באָטוויניק און הירשל פיינבערג. זיי האָבן באַקומען צו 2 יאָר איינצל־קאַמער אין פעטערבורגער „קרעסטי".

די ידיעה וועגן דער עקזעקוציע האָט זיך באַלד פאַרשפרייט אין שטאָט און געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם. די אַרבעטער זיינען פשוט פריטשמעליעט געוואָרן. צו בלוטיקע אָנפאַלן איז מען שוין געווען געוואוינט, צו טורמע — אַוודאי, צו גראָבע זידלערייען אויך. אָבער שמייסן? יאָ, מ'האָט געהערט, אַז אַמאָל האָט מען געשמיסן לייב־אייגענע פויערים. נאָך היינטיקע צייטן קען טרעפן אַן איינצלנער פאַל, אַז אַ ווילדער גובערנאַטאָר זאָל הייסן שמייסן ווידערשפעניקע פויערים, אָבער רעוואָלוציאָנערע אַר־

בעטער — אַן אומדערהערטע זאַך. מ׳האָט זיך געפילט באַליידיקט און געשענדט. איינער פון די געליטענע האָט נישט געקענט אויסהאַלטן די דערנידערונג און איז אין אַ קורצער צייט אַרום באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

די געליטענע זיינען אַהיימגעקומען צו זייערע קרובים און חברים און געוויזן די צעשונדענע לייבער. אין שטאָט זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל פאַרשיידענע שוידערלעכע פּרטים — אמתע און אויך אויספאַנטאַזירטע. צווישן אַנדערע האָט מען דערציילט, אַז מ׳האָט געשמיסן אַ מיידל, וואָס איז באַלד נאָך דעם געשטאָרבן. די אַלע געשיכטעס האָבן אויפגעשוידערט אַלעמען.

דאָס יידישע בירגערטום האָט נישט איינהייטלעך אויפגענומען פאָן וואַלס סאַדיסטישע טאַט. טייל באַלעבאַטים זיינען געווען צופרידן פון דער מעשה: די באַד־יונגען האָבן זיך פאַרדינט שמיץ, מ׳דאַרף אָב־לערנען די יונגאַטשעס! שמיץ איז אַ מיטל, וואָס ווירקט. זיי וועלן שוין פאַרזאָגן אַ צענטן מער נישט צו מאַכן קיין דעמאָנסטראַציעס, שטרייקן און אַנדערע הפקר־שטיק.

אַן אַרבעטערין, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ טוערין אין דער בונ־דישער באַוועגונג, גיט איבער פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן געשפּרעך מיט איר פאָטער. אין אָוונט, נאָך דער דעמאָנסטראַציע, האָט דער פאָטער זיך דערפרייט, ווען זי איז אַהיימגעקומען, אָבער ער האָט איר דאָך געזאָגט: „אַ שאָד, וואָס מען האָט אויך דיך נישט אַרעסטירט. ווען מען וואָלט אייך אַלעמען דאָרטן אָפּשמייסן, וואָלט איר וויסן, ווי אַ צווייטן מאָל נישט צו קריכן״ ז).

מען דאַרף אָבער זאָגן, אַז די מערהייט יידן האָט אַזוי נישט געהאַלטן און איז געווען אויפגעבראַכט. אַחוץ דעם, וואָס ס׳איז בכלל נישט גע־פעלן די אוממענטשלעכע טאַט פון גובערנאַטאָר, האָט מען אין דעם אויך געזען אַ שטיק אַנטיסעמיטיזם. יידן האָבן צווישן זיך געשמועסט: היינט שמייסט מען אַרבעטער, מאָרגן וועט מען געבן שמיץ אויך אַנדערע, וואָס וועלן זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקן...

די שטימונג צווישן די יידישע אַרבעטער איז אויך נישט געווען קיין איינהייטלעכע. בעת איין טייל איז געוואָרן נידערגעשלאָגן און פאַרצווייפלט, האָט ביי אַ צווייטן טייל אויפגעפלאַקערט אַ געפיל פון נקמה, אַ פאַרלאַנג

צו דערלאַנגגען אַזאַ קלאַפּ, וואָס זאָל קלאָר זאָגן: די יידישע אַרבעטער וועלן זיך מער נישט לאָזן באַליידיקן און וועלן געהעריק שיצן זייער מענטשלעכן כבוד...

אין אַט דעם ווידעראַנאַנד פון שטימונגען און געפילן האָבן אָפּגעהילכט הירש לעקערטס שאָסן אויף פאָן וואַלן. די יידישע אַרבעטער־שאַפט האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

3. דער וועג פֿון אַ רעוואָלוציאָנערן יידישן אַרבעטער

הירש לעקערט איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1880 [8]. זיין געבורטס־אָרט איז געווען האַנושישאָק — אַ קליינער ישוב אין צפֿון־מזרח טייל פֿון ליטע [9]. דאָס שטעטל, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צום נאָוואָ־אַלעקסאַנדראָווסקער פּאָוויאָט פֿון קאָוונער גובערניע, האָט געהאַט אַ כמעט דורכאויס יידישע באַפעלקערונג. פֿון די בערך 600 איינוואוינער זיינען בלויז אַ 40 געווען קריסטן.

ער איז געווען אַ זון פֿון דוד און גוטע מאַלע. זייער פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען לעקוך. אָנשטאָט דעם האָט הירש שפּעטער זיך גערופֿן לעקערט. אונטער דעם פֿאַמיליע־נאָמען האָט מען אים געקענט אין דער באַוועגונג [10].

דער פֿאָטער דוד איז געווען אַ קאַראַבעלניק. די פּרנסה האָט ער איבערגענומען בירושה — ער האָט געשטאַמט פֿון אַ משפּחה דאָרף־גייער. אַ גאַנצע וואָך פֿלעגט ער אַרומוואַנדערן איבער די דערפֿער מיט אַ פּאַק סחורה אויף די פּלייצעס און בלויז אויף שבת און יום־טוב איז ער אַהיימגעקומען. פֿון דעם האָט דוד לעקוך קוים־קוים אויסגעשלאָגן אַ קאַרגע חיונה פֿאַר זיין ווייב און קינדער. דוד און גוטע מאַלע האָבן געהאַט דריי זין און איין טאָכטער. די טאָכטער דבורה איז געווען די עלטסטע. נאָך איר איז געקומען בנימין, דער מיטלסטער ברודער הירש און דער מיזיניק אליהו.

איינמאָל — געווען איז דאָס אין יאָר 1886 — איז דער פֿאָטער, ווי געוויינלעך, אַהיימגעקומען אויף שבת. ער האָט זיך דערפֿילט נישט גוט און זיך געלייגט אין בעט אַריין, פֿונוואַנען ער איז מער נישט אויפֿגעשטאַנען. אָפּגעקרענקט אַ פּאָר וואָכן און געשטאָרבן. ער איז אַוועק פֿון דער וועלט



הירש לעקערט

צביה — לעקערטס טאָכטער



רחל זאַק — באַפרייט אין אָנפאַל אויף דער פּאָליציי

נאָך אַ יינגערמאַן און איבערגעלאָזט די אלמנה גוטע מאַלע מיט פיר פּיצלעך קינדער און אָן פּרנסה. הירש איז דעמאָלט אַלט געווען אַרום זעקס יאָר.

צו בלייבן ווייטער אין האַנושישאָק איז פאַר דער אלמנה מיט די קינדער נישט געווען קיין תכלית. האָט זי געווענדט אירע אויגן צו דער גרויסער שטאָט דווינסק, וואוהין זי האָט זיך אַריבערגעצויגן. פאַרוואָס דווקא דווינסק — איז געווען אַ סיבה דערביי. דאָרטן האָט גע־לעבט גוטע מאַלעס אַלטע מוטער. זי איז געווען אַ קעכין אין רייכע הייזער. זי האָט געהאַט אַ שטעל ביים אָנגעזעענסטן דווינסקער גביר וויטענבערג — אַ משפּחה מיט גרויסע אייזן־ און באַנק־געשעפטן. די אַלטע מאַמע האָט עס געדאַרפט זיין אַן אָנלען פאַר דער יינגער אלמנה מיט די הילפלאָזע קינדערלעך.

אין דער גרויסער פעסטונג־שטאָט האָט די אלמנה געצויגן חיונה פון אַרומטראָגן קוישן מיט גרינוואַרג און עופות צו באַלעבאַטישע היי־זער. פון צייט צו צייט איז זי געגאַנגען קאָכן אויף גבירישע חתונות. און ווען ס'איז געווען גאָר ענג, האָט די אַלטע באָבע אַרויסגעהאָלפן אירע אייניקלעך מיט שיריים פון דער גבירישער קיך...

פון די פיר קינדער איז גיך געוואָרן דריי. דער מוזיניק איז געווען אַ שוואַכינקער און איז באַלד געשטאָרבן. גוטע מאַלע האָט אָנגעהויבן קלערן וועגן אַ תכלית פאַר די קינדער. דאָס מיידל האָט זי פריער פאַר־דונגען צו זיין אַ ניאַנקע פון אַ קליין קינד. שפּעטער האָט מען זי אַוועק־געגעבן צו אַ נייטאָרין אויף דער לער. געמאַכט די טאָכטער פאַר אַ שניי־דערקע, האָט זי דעם עלטסטן יינגל אַוועקגעגעבן אויף דער לער צו אַ שוסטער. ווי דער שטייגער איז געווען, האָט ער ביים שוסטער געמוזט טאָן די שוואַרצע שטוב־אַרבעט און אַ ביסל זיך געלערנט די מלאכה. דעם יינגל איז די זאַך נישט געפעלן און איז לסוף אַנטלאָפן פון באַלעבאָס.

דער שוסטער איז געקומען צו גוטע מאַלען מיט אַ ויצעקו. סטייטש, מ'האָט דאָך אָפּגעמאַכט. וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מ'זאָל נישט האַלטן קיין וואָרט. די מאַמע האָט דעם שוסטער געגעבן גערעכט. זי איז צוגעשטאַנען צום יינגל, איינגעטענהט. און ווען דאָס האָט נישט גע־האָלפן, האָט זי אויך נישט געזשאַלעוועט קיין קלאַפּ. בנימין איז אָבער געבליבן איינגעעקשנט. ניין און ניין — ער וועט צוריק נישט גיין.

דעמאָלט איז אַרויסגעשפּרונגען הירשקע און געזאָגט, אַז ער וועט גיין פאַרן ברודער. ער האָט עס געטאָן פון אייגענעם ווילן — פון קיינעם נישט געבעטן, פון קיינעם נישט געניט. ער איז דעמאָלט אַלט געווען קוים 10 יאָר. און אַזאַ איז ער שוין געווען אויך אין די ווייטערדיקע 12 יאָר פון זיין קורצן לעבן: ער איז פרייוויליק גרייט געווען צו גיין טאָן פאַר אַנדערע, זיך אָננעמען פאַר אַנדערע, זיך מקריב זיין פאַר אַלעמען.

דער שוסטער האָט מסכים געווען צו נעמען הירשקען אויף פּראָבע. ער האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז דער בייט איז געווען אַ גוטער. ביי דער אַרבעט האָט הירשקע געהאַט „גאָלדענע הענט". האָט מען אים גע־שיקט אַ גאַנג, איז ער געווען פלינק, ווי אַ הירש. ס'זיינען אַוועק אַ פּאָר יאָר, און ער איז אויסגעוואַקסן אַ גוטער בעל־מלאכה. ווען הירשקע איז אַלט געווען 15 יאָר, האָט מען אים שוין געהאַלטן פאַר אַ פאַלנעם אַרבעטער. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ פאַרדינער.

געוויינלעך איז געווען אָנגענומען, אַז ערשט אין ווילנע, אין 1898, איז לעקערט אַריין אין דער באַוועגונג. לויט די דערקלערונגען פון זיין ברודער בנימין [11]), איז דאָס געווען אַ סך פריער. אַלס 14־יאָריקער יינגל, איז אין דווינסק הירשקע אַריין אין אַ פאַך־קרייזל, צו וועלכן אויך זיין עלטערער ברודער האָט געהערט. אָנגעפירט מיט דעם קרייזל האָט אַ חבר, וועמען מ'האָט גערופן הירשקע שטריק [12]), ווי אויך אַ סטודענט. די נייע ווערטער און געדאַנקען האָבן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף לעקערטן און ער איז געוואָרן גאָר אַקטיוו. ער האָט אָנטייל גענומען אין דער מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די שוסטער און בכלל לעדער־אַר־בעטער און זיך באַטייליקט אין פאַרשפּרייטן אויפרופן — מיט דער האַנט געשריבענע אָדער העקטאָגראַפירטע. די פּראָקלאַמאַציעס האָט מען פאַר־געלייענט עטלעכע מאָל און זיי גוט איינגעחזרט צום געדענקען. נאָך דעם האָט מען דעם אינהאַלט איבערגעזאָגט פאַר אַנדערע. אַזוי האָבן געאַרבעט די אָנפאַנגער־פּראָפּאַגאַנדיסטן. ווען הירשקע האָט גערעדט צו חברים, פלעגט ער דאָס היטל אַ רוק טאָן אַרויף און מיט אַן אָפענעם שטערן שטיין און ריידן שטיל און פּאַוואָליע, אָבער מיט אַ טיפן גלויבן.

פון דווינסק איז הירשקע אַוועק קיין ווילנע. דאָס זאָל האָבן גע־ווען אַרום 1895. אַהין האָט ער שפּעטער אויך אַריבערגענומען די מוטער.

נאָכן אָפּאַרבעטן אַ פּאָר יאָר אין ווילנע, איז ער געקומען קיין קאָווגע. דאָס איז געווען ווינטער 1899—1900. ער האָט געאַרבעט ביי הלל בענציע גירש אויפן שאָסיי־באַרג. נאָך אַ פּאָר חדשים איז ער צוריקגעפאָרן קיין ווילנע.

געוואוינט האָט ער אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דער יידישער אָרעמקייט — אין נאָווגאָראָד, דעמאָלט אַ פאָרשטאָט פון ווילנע. אַ פריינדלעכער, אַ „נאַש בראַט״, איז ער געווען גוט באַקאַנט צווישן די נאָ־וואָגאָראָדער שכנים פון אַלע קרייזן — אַרבעטער, באַלעגאָלעס, סתם אָרעמע לייט און אַפילו „דעק״־עלעמענטן [13]). מ׳האָט אים געקענט, דעם טעמפּעראַמענטפולן, געזונטן בחור פון נישט הויכן וואוקס, מיט ברייטע פּלייצעס און געשפּרענקלטן פּנים, וואָס האָט געהאַט אַן עטוואָס איינגע־שפּאָלטענע אונטערשטע ליפּ. געוויינלעך פלעגט ער טראָגן אַ גרויע קורטקע, אַ פּאָר גלאַנציקע שטיוול און אַ בלוי היטעלע. גערופן האָט מען אַזאַ קליידונג — „די בונדאָווסקע פאָרמע״ [14]). הירשקע איז געווען אַקטיוו צווישן די שוסטער, ווי אויך אין דער בונדישער באַוועגונג. די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט אים געשיקט אין קאָנספּיראַטיווע שליחותן אין אַנ־דערע שטעט, בפרט איבערפירן אומלעגאַלע ליטעראַטור.

זיין ענערגיע האָט ער אויסגעלאָדן בעיקר אין דער טעטיקייט צווישן די לעדער־אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען אָרגאַניזירט אין אַן אומלע־גאַלן פאַראיין. דרייסט און אומדערשראָקן, איז ער שטענדיק געווען גרייט צו גיין אין די גרעסטע געפאַרן. קיין שום ריזיקע האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן. ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז אין געוויסע פאַכן פון יידישע אַרבעטער, בפרט צווישן די שוסטער, געווען פאַרשפּרייט עקאָנאָ־מישער טעראָר. הירשקע האָט זיך דערביי געפילט, ווי אַ פיש אין וואַסער. גיין אָנבראָכן די ביינער שטרייק־ברעכער אָדער פאַרביסענע שלעכטע מייסטער, וועלכע מ׳האָט גערופן „וורעדן״, איז ביי אים געווען, ווי גיין צו אַ טאַנץ. אַזוי איז אויך געווען, ווען מ׳האָט באַשלאָסן „אַ קנייטש טאָן די שויבן״ אין אַ וואַרשטאַט, וואו עס האָבן געאַרבעט שטרייק־ברעכער. פּאַקטיש האָבן פיל מאָל די מער מיושבדיקע חברים אים געמוזט אָפּ־האַלטן פון גיין טאָן „אַ שטיקל אַרבעט״, ווייל די הענט האָבן אים ״גע־סווענדזשעט״ און זיך געריסן עמיצן צו דערלאַנגען. מ׳האָט געשעצט זיין

ערנסטקייט און טריישאַפט. אויף זיינס אַ וואָרט האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן. ווינטער 1898—9 האָט ער געאַרבעט אין שוסטער־ווערקשטאַט ביי ישראלקע דעם קליינעם אויף דייטשער גאַס. געאַרבעט האָבן דאָרטן אַ 25 מאַן — דאָס רוב „באַקאַנטע", אָרגאַניזירטע חברים. אַ גרויסער טייל פון דער אָנפירונג פון דער קאַסע (פאַראיין) איז געווען באַשעפטיקט אין דעם ווערקשטאַט. דאָרטן זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן געהיימע באַראַטונגען וועגן פאַרשיידענע אַקציעס. די שטרייקן האָבן געקאָסט קרבנות. אַ סך שטרייקער האָט מען אַרעסטירט. די אָנפירונג פון פאַראיין האָט שטאַרק אויסגענוצט לעקערטן צו פאַרשיידענע אַרבעטן, אָבער דערביי אַכטונג געגעבן, אַז זיין טעמפּעראַמענט זאָל אים נישט צו וויט פאַרטראָגן.

פון 10טן לעבנסיאָר אָן אויפן שוסטער־בענקל, האָט הירשקע נישט באַוויזן זיך אויסצולערנען לייענען און שרייבן. אין די שפּעטערע יאָרן האָט ער פּשוט קיין געדולד נישט געהאַט דאָס צו טאָן. אָבער אַ דורשט נאָך וויסן האָט ער פאַרמאָגט. האָט ער ליב געהאַט צו הערן וואָס אַנדערע דערציילן אָדער לייענען אין דער הויך. דער אַקטיווער בונדיסט עליע רייטשוק, וועלכער האָט אויך געאַרבעט ביי ישראלקע דעם קליינעם, דערציילט וועגן דעם: ער „וויל, אַז אָפּטמאָל זאָל איך אין וואַרשטאַט אים לייענען אין דער הויך אַ צייטונג. צו מיר האָט ער אַ באַזונדערע באַציאונג: איך מוז אים לייענען. און שטייט ער צו, העלפט שוין נישט, וועל איך שוין מוזן לייענען. און טאָמער פויל איך זיך אַמאָל, קומט ער צו גיין און טרייבט פון מיר 'דעם פוילער' אַרויס. רייסט אַרויס פון מיר די אַרבעט און איך מוז לייענען" [15]). ווען ס'איז אים עפּעס ספּעציעל געפעלן געוואָרן ביים פאַרלייענען, האָט ער געהאַט אַ טבע אויסצורופן: „דאָס ריכטיקע וואָרט!"...

אין ווילנע האָט הירשקע גוט זיך איינגעלעבט. ער האָט זיך באַפריינדעט מיט אַ מיידל, אַ זעמשערקע, מיט וועלכער ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט. זי איז געווען אַ טאָכטער פון חיים זעליק דעם מעכאַנישן שוסטער. זי איז אויך געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג. אָבער נאָך מער פאַר איר איז געווען אַריינגעטאָן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איר ברודער נח. הירשקע און נח זיינען געווען נאָנטע „באַקאַנטע". נח איז געווען אַ מער אַנטוויקלטער און געהאַט אַ השפּעה אויף זיין פריינט. חיים זעליק

מיט זיין פאַמיליע האָט געוואוינט אויף סאָפּיאַניקעס און ביי אים האָט הירשקע דער קלאָפּער [16]), ווי מ׳האָט לעקערטן גערופן צווישן די שוסטער, אַ געוויסע צייט געהאַט זיין קוואַרטיר. יאָרן לאַנג זיינען הירשקע און חיים זעליקס טאָכטער, מלכה די זעמשערקע, „אַרומגעגאַנגען", שפּעטער געוואָרן חתן־כלה און לסוף געשטעלט אַ חופּה. מלכה איז געווען באַקאַנט מיט הירשקען גאַנצע 7 יאָר זינט ער איז געקומען פון דווינסק קיין ווילנע. ער איז געווען היימיש ביי אירע עלטערן.

אין יאָר 1900 האָט הירש לעקערט זיך אַרויסגערוקט אין פאָדער־גרונט. אין די פאַרגאַנגענע 5 יאָר איז ער געווען אַ פּשוטער זעלנער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דווינסק, ווילנע און קאָוונע — אומעטום האָט ער לויט זיינע מעגלעכקייטן אָנטייל גענומען אין די קאַמפן פון דער אויפוואַכנדיקער יידישער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט נישט געקוקט אויף די גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען, טורמעס און סיביר באַוויזן אויפבויען אַ נעץ פראָפעסיאָנעלע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, און איז אומדערשראָקן געשטאַנען אין אַ ביטערן און עקשנותדיקן גע־ראַנגל מיט דעם דעספּאָטישן צאַרישן רעזשים. ער האָט גאַנץ גוט באַנו־מען דעם זין פון דאָזיקן קאַמף. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט ער אויפ־גענומען די רעוואָלוציאָנערע רעדעס, הגם אַליין איז ער געווען געשטערט אין זיין גייסטיקן אויפשטייג צוליבן נישט קענען לייענען. אַרויסרוקן האָט ער זיך געקאָנט נאָר אין אַ דירעקטער טאַט. און אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט.

די באַלעבאַטים האָבן גענומען אַראָפּרייסן ביי די זאָקנמאַכערינס די הוספה, וואָס זיי האָבן זיך מיט אַ יאָר פריער אויסגעקעמפט נאָך אַ שווערן שטרייק. דער „בונד" האָט וועגן דעם אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַ־מאַציע און גערופן זיך גרייטן צו אַ נייעם שטרייק. מען האָט דעם אויפ־רוף געזאָלט פאַרשפּרייטן אויף די גאַסן פון שטאָט. דער שוסטער־פאַראיין פלעגט אין פיל פאַלן קומען צו הילף די שוואַכערע פאַראיינען. האָט ער אויך דאָס מאָל באַשטימט אַ גרופּע שוסטער צו העלפן די פרויען, זאָקנמאַכערינס, צעטיילן דעם אויפרוף. דאָס טיילן איז באַשטימט געוואָרן אויף 8 אָוונט, דעם 23טן מאַי 1900. אין נאָוואָגאַראָד האָט מען אַרויסגע־שיקט צוויי פאַרלעך: עליע רייטשוק מיט אַ מיידל און פייוול דעם שטעפּער

מיט אַ צווייט מיידל. צו דער באַשטימטער צייט איז אָבער פּיוול דער שטעפּער נישט געקומען, האָבן די דריי באַשטימט נישט צו וואַרטן און אָנהויבן טיילן. זיי האָבן נישט געטאָרט וואַרטן. דאָס טיילן האָט געמוזט פּאַרקומען אין דער גאַנצער שטאָט גלייכצייטיק, ווייל געוויינלעך פלעגט די פּאָליציי ביי דער ערשטער ידיעה זיך אַרויסלאָזן אין גאַס כאַפּן די טיילער.

די דריי בלעטלעך־טיילער זיינען געווען רחל זאַק, אַ זעמשערקע, סטירל לייפער, אַ זאָקנמאַכערין, און עליע רייטשוק. געניטע אין קאָנספּי־ראַטיווער אַרבעט, האָבן זיי באַמערקט, ווי עמיצער גייט זיי נאָך. ס'איז גראָד געווען נאָנט פון 1טן פּאָליציי־צירקל, וואו עס זיינען געשטאַנען איי־ניקע פּאָליציאַנטן. וועגן אַנטלויפן האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. דער שפּיאָן האָט אויף זיי אָנגעוויזן און אַלע דריי זיינען אַרעסטירט גע־וואָרן מיט די פּעקלעך. דער שפּיאָן איז געווען אַ געוועזענער אַרבעטער, אַ סטאָליער, אַ געוויסער לייב צוקערמאַן [17], וועמען מ'האָט גערופן מיטן צונאָמען „פּאַן בוג". די אויפרופן זיינען געווען אין יידיש. דער אוריאַד־ניק האָט געהייסן פּאַרלייענען. ווען ס'האָט זיך גערעדט קעגן די באַלעבאַ־טים, האָט דער אוריאַדניק געזאָגט: ניטשעוואָ, ס'איז נישט קעגן צאַר. אָבער ווען ער האָט צום סוף דערהערט די ווערטער — „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!", איז ער געוואָרן אַן אָנגעצונדענער און רייטשוקן דערלאַנגט אַ הילכיקן פּאַטש.

באַלד איז אויף דער אַרבעטער־בירזשע, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט, אויף זאַוואַלנע גאַס, געוואָרן אַ גערודער: מ'האָט אַרעסטירט „דעם בער" (רייטשוקס צונאָמען). דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער געביידע פון אוריאַדניק, וועלכער האָט אַרויסגערופן דעם פּריס־טאַוו. זעענדיק אַזאַ גרויסן אויפגערעגטן עולם, האָט דער פּריסטאַוו גע־האַלטן פאַר גלייכער אָפּצואוואַרטן מיטן איבערפירן די פאַרהאַלטענע אין שטאָטישן אַרעסט־הויז. צווישן עולם איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצו־שלאָגן די אַרעסטירטע. די פאַרזאַמלטע האָבן זיך צעשיט אין די זייטיקע געסלעך, זיך באַוואָפנט מיט שטעקנס, דרענגער און שטיינער — און געוואַרט. דאָס פּאַרטאַיעטע וואַרטעניש האָט געדויערט ביז האַלב 5 פּאַרטאָג.

הירש לעקערט, זיין פריינט און לאַנדסמאַן כאָנע פּיווקע ווינאָקור און נאָך איינעקע אַנדערע זיינען געבליבן באַהאַלטן נאָנט פון אוריאַדניקס געביידע, כדי נישט דורכלאָזן דעם מאָמענט, ווען מ׳וועט די אַרעסטירטע אַרויספירן. שטיל איז געווען אַרום. דער פּריסטאַוו האָט באַשלאָסן, אַז ס׳איז די פּאַסיקע צייט איבערצופירן די אַרעסטירטע. כדי צו זיין מער זיכער, האָט ער די דריי אַרומגערינגלט מיט אַ באַזונדערס שטאַרקער פּאָליציי־שמירה און ער אַליין צוזאַמען מיטן אוריאַדניק איז געגאַנגען פאָראויס. זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, און פון אַלע אַרומיקע געסלעך האָבן זיך אַרויסגערוקט די באַהאַלטענע אַרבעטער, באַוואָפנט מיט שטיינער און דרענגער. דער עולם — הונדערט מאַן שטאַרק — האָט זיך דערנענטערט צו דער וואַך און אָנגעהויבן אַטאַקירן. דער פּריס־טאַוו האָט באַפוילן די פּאָליציאַנטן זיך צוריקציען אין דער געביידע אַריין. דערביי האָט ער אויסגעשאָסן אין דער לופטן און פאַרהאַקט דעם טויער. דער אַטאַקירנדיקער עולם האָט גענומען שטורמען דעם טויער, אים אויפגעבראָכן און זיך אַריינגעריסן אין הויף. אויף די טרעפּ ביים אַריינ־גאַנג אין קאַנצעלאַריע איז געשטאַנען דער אוריאַדניק און געפאָכעט מיט דער בלאַנקער שווערד. כאָנע פּיווקע איז צו נאָנט צו אים מיט אַ שטיין אין האַנט און געשריגן: לאָז אַרויס די אַרעסטירטע! מיט דער שווערד האָט אים דער אוריאַדניק געשפּאָלטן דעם קאָפּ. חברים האָבן געכאַפּט דעם פאַרוואונדעטן אויף די הענט און אים אַוועקגעטראָגן. דער עולם איז געוואָרן נאָך מער צערייצט און ס׳האָט גענומען האָגלען מיט שטיינער אין די פענצטער און וועגט פון דער פּאָליצייאישער געביידע. שויבן זיינען צעקנאַקט געוואָרן און שטיינער האָבן אָנגעהויבן אַריינפליען אינע־וויניק. די פרוי און קינדער פון אוריאַדניק האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און גענומען וויינען און שרייען. דער טעלעפאָן איז געוואָרן אי־בערגעשניטן און עס האָבן זיך געהערט שטימען, אַז מ׳וועט אונטער־צינדן דעם בנין.

דער פּריסטאַוו האָט דעמאָלט געהאַלטן פאַר קליגער אַרויסצו־לאָזן די אַרעסטירטע, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אַרויסגיין צוליב דער מורא, אַז זיי קענען קריגן אַ שטיין אין קאָפּ. מיט נאַהאַיקעס האָט מען זיי געצוואונגען אַרויסצוגיין אין גאַס. מ׳האָט זיי באַלד דערקענט און

מיט אַ „הוראַ״ האָט מען זיי אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט און אַוועקגעטראָגן. דער נצחון איז געווען אַ פולער.

דער טריאומף האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. אַ קורצע צייט שפּעטער האָבן זיך אין נאָוואָגראָד באַוויזן קאָזאַקן און אַ סך פּאָליציי. אָנגעפירט פון אוריאַדניק און דעם שפּיאָן „פּאַן בוג״, איז מען געגאַנגען פון געסל צו געסל און אַרעסטירט אַ סך מענטשן. דער שפּיאָן, וועלכער האָט גוט געקענט די מענטשן פון דער באַוועגונג, האָט אָנגעוויזן וועמען מ׳זאָל איינזעצן. די אַרעסטירטע האָט מען שטאַרק געשלאָגן. רייטשוק, זאַק און לייפער זיינען שוין נישט אַוועק אַהיים און זיך באַהאַלטן!

די ערגסטע צרה איז געווען מיט כאָנע פּיווקען. דרינגענדיק האָט מען אים געמוזט היילן די ערנסטע וואונד אויפן קאָפּ. די פּאָליציי האָט אָבער גלייך געלאָזט וויסן אַלע דאָקטוירים און שפּיטאָלן פון ווילנע, אַז מען זאָל איר תיכף מודיע זיין, אויב מ׳וועט ברענגען אַ פּאַציענט מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ. דאָס איז נישט געבליבן קיין סוד. וואָס־זשע טוט מען? האָט מען קודם געברענגט אַ סטודענט אַ מעדיקער, וואָס האָט דעם פאַרוואונדעטן פאַרבאַנדאַזשירט די וואונד. דאָס איז געווען צו ווייניק. ער האָט געמוזט גיין אין שפּיטאָל אַריין. און אין שפּיטאָל איז ער געלעגן אונטער דער שמירה פון אַ פּאָליציאַנט. עס זיינען אַוועק עטלעכע טעג און חברה האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז שוין גענוג און כאָנע פּיווקע מעג לויפן. הירש לעקערט נעמט זיך אונטער דורכפירן די פליטה. ער באַקומט זיך אַריין אין שפּיטאָל אויף שוואַרצער אַרבעט און נעמט מיט קליידלעך פון זיין ווייבל מלכה. אַ פּאָר חברים פאַררייזן דעם פּאָליציאַנט, דער חולה טוט זיך איבער אין ווייבערשע קליידער — ואיננו!

אין שטאָט טאָר מען נישט בלייבן. און אַחוץ דעם דאַרף מען נאָך האָבן מעדיצינישע הילף פון אַ דאָקטאָר. איז געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן אַוועקצופירן דעם נעלם אין אַ שכנותדיק שטעטל. טאָן דאַרף עס ווידער הירשקע. ער טוט זיך און זיין פריינט איבער אין מלכהס קליידלעך און צוויי „ווייבלעך״ זעצן זיך אויף אַ פורל צו פאָרן אין שטעטל מאַליאַט.

דער וועג איז אַדורך בשלום, אָבער אין שטעטל גופא האָט מען דערטראָגן צו דער פּאָליציי און ביידע זיינען געוואָרן אַרעסטירט.

מיטן עטאַפּ האָט מען די אַרעסטירטע צוריקגעפירט קיין ווילנע.

לעקערט איז נישט געווען פון די, וועלכע גיבן זיך לייכט אונטער. מילא, דעם חולה קען ער שוין נישט ראַטעווען, אָבער אַליין? אויפן וועג האָט ער עוקר געווען פון אונטער דער פּאָליציייִשער שמירה. כּאַנע פּיווקען האָט מען געברענגט קיין ווילנע. כּאַנע פּיווקע אין טורמע און הירשקע אויף דער פרײַ. דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט און ביידע זיינען גאָר גיך שוין געווען צוזאַמען הינטער די ווענט פון דער אַנטאָקאָליער טורמע[18].

אויך דאָ גיט זיך הירשקע נישט אונטער. ער הויבט אָן קלערן וועגן אַ פּליטה, הגם ס'איז זייער שווער. און אויב ס'וועט זיין אוממעגלעך, אַז ביידע זאָלן אַנטלויפן, זאָל מען כאָטש אַרויסבאַקומען כּאַנע פּיווקען. זיין פּריינט איז בילכער פאַר אים. נישט בלויז, ווייל כּאַנע פּיווקע האָט שווער געליטן, נאָר אים דראָט אַ שווערערע שטראָף — קאַטאָרגע.

הירש לעקערט איז שוין דעמאָלט געווען אַ פּאָפּולערער מענטש אין שטאָט. פיל קרימינעלע אַרעסטאַנטן האָבן אים געקענט. ער האָט זיך מיט זיי געשטעלט אין קאָנטאַקט און מיט זיי אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר דער פּליטה. גראָד איז דעמאָלט געווען אַ רעמאָנט אין טורמע. מ'האָט געאַרבעט און געבויט אויפן הויף. די אַרבעט האָבן געטאָן קרי־מינעלע אַרעסטאַנטן. אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיי פאַררעדט די טורמע־וועכטער און צוגעשטעלט צו דער טורמע־מויער אַ הויכן קלאָץ. כּאַנע פּיווקע איז פלינק אַרויפגעקראָכן אויפן קלאָץ, אַראָפּגעשפּרונגען פון דער מויער אויף דער צווייטער זייט און נעלם געוואָרן. דער ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" האָט כּאַנע פּיווקען אַוועקגעשיקט קיין אויסלאַנד.

צוזאַמען מיט די אַנדערע אַרעסטירטע פאַר דער נאָוואָגראָדער מעשה איז לעקערט אָפּגעזעסן אין ווילנער טורמע ביזן פּראָצעס 9 חדשים. באַשטראָפט זיינען געוואָרן 40 מענטשן. די שטראָפן זיינען נישט געווען קיין גלייכע. טייל האָט מען געגעבן סיביר, אַנדערע טורמע. די העכסטע שטראָף איז געווען 6 יאָר סיביר. די העכסטע מאָס טורמע איז געווען 1 יאָר „קרעסטי" (אַ תפיסה אין פּעטערבורג). 15 האָבן באַקומען צו 6 חדשים „קרעסטי" און 3 יאָר פאַרשיקונג אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. צווישן זיי איז אויך געווען הירש לעקערט[19].

נאָכן אָפּזיצן די 6 חדשים אין דער פּעטערבורגער תפיסה האָט מען לעקערטן אַרויסגעשיקט צו זיין 3 יאָר אין יעקאַטערינאָסלאַוו אונטער

פּאָליציי־השגחה. דעם 21טן אויגוסט 1901 האָט ער פאַרלאָזט די איינצל־קאַמער פון טורמע און איז אַוועק אויף זיין פאַרשיקונג־פּלאַץ. מיט זיין גאַנצער ענערגיע האָט הירשקע באַלד זיך אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג אין יעקאַטערינאָסלאַוו. ער איז געווען זייער אַקטיוו צווישן די שוסטער און זיך באַטייליקט אין אייניקע אַקציעס. בערך 8 חדשים האָט ער דאָרטן פאַרבראַכט. ס'האָט אים אָבער כסדר געצויגן אַהיים, וואו עס זיינען געווען אַזוי פיל נאָנטע חברים, ווי אויך זיין פרוי און מוטער. ווי־דערשפּעניק דער צאַרישער מאַכט, האָט ער אויך דאָס מאָל געבראָכן דעם פאַרבאָט און אָנהויב אַפּריל 1902 איז ער אומלעגאַל געקומען צוריק קיין ווילנע. באַלד איז אָנגעקומען דער 1טער מאַי. הירשקע איז אין דער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז אַכזריותדיק צעטריבן געוואָרן.

4. הירש לעקערטס שאָסן און די תליה

גלייך ווי ס'איז באַוואוסט געוואָרן וואָס פאָן וואָל האָט אָפּגעטאָן מיט די הילפלאָזע אַרעסטירטע, האָט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרבע־טערשאַפט פון ווילנע זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס טוט מען?

פּראָטעסטירן — דאָס האָט מען געטאָן. די קאָמיטעטן פון „בונד" און פון די נישט־יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אַרויסגעלאָזט אויפרופן און געשטעמפּלט דעם געמיינעם פאַרברעך פון גובערנאַטאָר. דאָס איז אָבער געווען ווייניק לגבי דער אָפּגעטועונער שאַנד־טאַט. דאָס האָט נישט געקענט באַפרידיקן דעם אויפגערעגטן געפיל און הויבן די געבראָכענע שטימונג. די שאַרפסטע ווערטער זיינען נישט געווען קיין ענטפער. קעגן דער שאַנד־טאַט האָט געמוזט קומען אַ רעוואָלוציאָ־נערע טאַט.

אַן אַלגעמיינער שטרייק — דאָס וואָלט אפשר באַפרידיקט די גע־מיטער, צוריקגעפירט די אַרבעטער צו אַ נאָרמאַלער שטימונג און דע־מאָנסטרירט פאַר די שמייסער, אַז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט נישט בדעה אויף להבא צו דערלאָזן שינדן די לייבער פון אירע אָנהענגער. דאָס איז אָבער נישט מעגלעך געווען דורכצופירן. דער „בונד" וואָלט געקענט באַוועגן די גרויסע מערהייט יידישע אַרבעטער צו וואַרפן די אַרבעט, דאַקעגן וואָלטן די נישט־יידישע פּאַרטייען נישט געווען בכוח צו באַוועגן די קריסטלעכע אַרבעטער אַרויסצוגיין אין אַ פּראָטעסט־שטרייק.

וואָס־זשע בלייבט אין אַזאַ פאַל צו טאָן? זאָל פאָן וואָל באַצאָלן מיט זיין בלוט... אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" האָט אָבער דער געדאַנק אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד.

אין ערשטן פעריאָד פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, אין די צייטן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", איז זייער ברייט אָנגעווענדט געוואָרן דער טעראָר אַלס קאַמף־מיטל קעגן צאַרישן רעזשים. זיין העכסטן פונקט האָט דער טעראָר דערגרייכט אין אַטענטאַט אויפן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, אין יאָר 1881. דאָ איז אויך געקומען דער צוזאַמענבראָך פון דער פאַרטיי. שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אויספּיקן די מאַרקסיסטישע ריכטונג, די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, וואָס האָט גע־וואָלט בויען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אויף גאַנץ אַנדערע יסודות און אָנווענדן גאַנץ אַנדערע קאַמף־מעטאָדן. איינער פון די וויכטיקסטע שטרייט־פּונקטן צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די נאַראָדניקעס איז געווען די פראַגע פון טעראָר. די ערשטע זיינען געווען אַנטשיידענע קעגנער פון דעם. נישט דורך העלדישע אַקטן פון יחידים וועט מען אָראָפּוואַרפן די צאַרישע זעלבסטהערשונג נאָר דורך דעם מאַסן־קאַמף פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער און קרובהשע שיכטן. ווען די יורשים פון די נאַראָדניקעס, די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (עס־ערן), האָבן באַ־נייט דעם טעראָר און דורכגעפירט אַטענטאַטן אויף די צארישע מיניסטאָרן באָגאָליעפּאָוו (1901) און סיפּיאַגין (1902), איז דער אַלטער שטרייט צווישן די מאַרקסיסטן און נאַראָדניקעס ווידער געוואָרן אַקטועל.

אין דער קורצער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט מען שוין אַליין געהאַט צו טאָן מיטן ענין טעראָר אויפן היימישן באָדן. די בונדישע אָרגאַניזאַציעס איז אויסגעקומען קעגנצואווירקן דער פאַרשפּרייטער מחלה פון אָנווענדן עקאָנאָמישן טעראָר אַנשטאָט אויסצו־קעמפן פּראָפעסיאָנעלע פאָדערונגען דורך אָרגאַניזירן און אויפקלערן די אַרבעטער־מאַסן. אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג בכלל און אין דער בונדישער בפרט איז מען דעריבער געווען באַזונדערס פּילבאַר און מ'האָט זיך באַצויגן מיט שטאַרקן פאַרדאַכט צו יעדן טעראָר־אַקט. אין „בונד" האָט קיינער נישט געקלערט וועגן אַוועקלאָזן זיך אויפן וועג פון טעראָריזם, ס'איז אָבער אויפגעקומען אַ שטרייט צי מעג מען אַמאָל מאַכן אַן אויסנאַם פון אַנגענומענעם כלל.

יחידים און גרופּעס פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך געווענדט צום ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" וועגן צוגרייטן אַן אַטענ־

טאָט אויפן הויפּט־שולדיקן פאַר דער שינדעריי. אַזעלכע ווענדונגען זיינען אויך געווען מצד אייניקע פאַרוואַלטונגען פון די אומלעגאַלע פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען.

צווישן די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, ווי אין ווילנער קאָ־מיטעט, זיינען געווען שאַרפע חלוקי־דעות וועגן דעם. אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" איז געווען אַ שטימונג פאַר אַן אַטענטאַט. הגם דער צ. ק. האָט נישט געקלערט וועגן פאַרלאָזן די אַנטי־טעראָר־פּאָזיציע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט ער אָבער די ווילנער שמייסעריי גע־האַלטן פאַר אַזאַ אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג, לגבי וועלכער עס איז נישט גילטיק דער אַלגעמיין אָנגענומענער כלל.

אין אַן אויפרוף, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט אַרויסגעלאָזט און איז געווען געשריבן פון נחן (פּאָרטנעי), איז געזאָגט געוואָרן:

„דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט אין די אָדערן, ווען מיר שטעלן זיך פאַר דאָס שענדלעכע, אַזיאַטישע בילד... אַרויסטרעטנדיק אין אַ שטרייט קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג, האָבן מיר געוואוסט וואָס אונז שטייט פאָר. מיר האָבן געוואוסט, אַז אונזער וועג וועט זיין אויס־געזייט מיט שטעכיקע דערנער, אַז לאַנגע יאָרן טורמע און סיביר, הונגער און קעלט דערוואַרטן אונז אויף דעם וועג. און מיר האָבן שוין דערוויזן, אַז דאָס אַלץ קען אונז נישט אָפּשרעקן, אַז דאָס אַלץ קענען מיר אַריבער־טראָגן. נאָר אַלע מאָל און אומעטום, אין די שווערסטע מינוטן פון אונזער לעבן האָבן מיר, רעוואָלוציאָנערן, פאַרטיידיקט אונזער מענטשלעכע ווירדע. אויף באַליידיקונגען האָבן מיר געענטפערט מיט באַליידיקונגען, אויף גוואַלט האָבן מיר געענטפערט מיט גוואַלט. מיר קענען נישט טראַכטן און ריידן רואיק וועגן דעם, וואָס איז פאַרגעקומען אין ווילנע. פון טויזנטער ערלעכע הערצער רייסט זיך אַרויס איין אַלגעמיינער געשריי: נקמה! ראַכע!"

„יידישע אַרבעטער! ווי אַזוי וועט איר ענטפערן אויף דער שענד־לעכער באַליידיקונג? איר האָט שוין לאַנג געוויזן, אַז איר האָט אויפגע־הערט צו זיין די פריערדיקע אונטערטעניקע שקלאַפן. מיט אייער העל־דישן קאַמף פאַר פרייהייט האָט איר שוין געוויזן דער גאַנצער וועלט,

אַז איר האָט דערוואַכט צו אַ נײַ לעבן, צו אַ לעבן פון פרײַע בירגער״...

„ווײַזט איצט נאָך אַמאָל די תּלינים פון צאַר, אַז איר וועט נישט אַריבער־טראָגן גלײַכגילטיק זײער שענדלעכע האַנדלונג קעגן אײַך. ווײַזט זײ, אַז איר זענט מענטשן מיט מענטשלעכע געפילן. ווײַזט זײ, אַז איר זענט גרייט צו פאַרטיידיקן אײַער מענטשן־ווירדע, אַז אויף די גוואַלט־טאַטן פון די צאַרישע משרתים זענט איר גרייט צו ענטפערן מיט גוואַלט־טאַטן״...

„ביז איצט איז אונזער פּאַרטיי געווען קעגן פּאָליטישן טעראָר. אויך איצט זאָגן מיר זיך אָפּ צו באַנוצן מיט טעראָר, ווי אַ קאַמף־מיטל קעגן דער זעלבסטהערשונג. אָבער די ווילדע טאַט פון פאָן וואַלן רופט אַרויס אַ שרעקלעכע אויפרעגונג צווישן אַלע אונזערע חברים. דאָס איז אַזאַ פאַרברעך, וואָס מ׳קען בשום אופן נישט פאַרשווייגן. מיר זײַנען זיכער, אַז פון דער טיפעניש פון יידישן פּראָלעטאַריאַט וועט אויפשטיין אַ ראַכע־נעמער, וואָס וועט נקמה נעמען פאַרן שענדן זײַנע ברידער. און אויב עס וועט פאַרגאָסן ווערן מענטשלעך בלוט, וועט די אַחריות פאַלן אויפן צאַר און זײַנע ווילדע משרתים״ [20].

אין אַ צווייטן אויפרוף פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״, וואָס איז געווען געווענדט צו די ניט־יידישע אַרבעטער און איז דערשינען אין רוסיש און פּויליש, איז געזאָגט געוואָרן:

„חברים! מיר, רעוואָלוציאָנערן, זײַנען פעאיק פיל אַריבערצוטראָגן, אָבער מיר קענען נישט און טאָרן נישט לאָזן שענדן אונזער פּערזענלעכקייט. די באַליידיקונג, וואָס מ׳איז באַגאַנגען לגבי אונזערע חברים, די ווילנער אַרבעטער, איז אויך אַ טיפע באַליידיקונג פאַרן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, וואָס קעמפט מיטן צאַריזם. די שאַנד, וואָס איז אויף אונז געבראַכט גע־וואָרן, זײַנען מיר זיכער, פילט איר אַזוי שמערצלעך ווי מיר. מיר צווייפלען נישט, אַז אַ קללה וועט זיך אַרויסרייסן פון אײַער מויל, ווען איר וועט געוואָר ווערן פון דער טאַטערישער אָפּרעכנונג מיט אונז.

חברים! מיר האָבן קיין מאָל נישט געצווייפלט אין אײַער ברידער־לעכע געפילן צו אונז, ווי צו אַלע פּראָלעטאַריער, וועלכע טרעטן אַרויס אונטער די רעוואָלוציאָנערע פענער. מער ווי פריער, איז איצט נויטיק אַרויסצוטרעטן סאָלידאַר און געאייניקט, איצט ווען די רעגירונג הויבט אָן אָנצונעמען קעגן אונז אַזעלכע אומגעוויינלעכע מיטלען. בלויז דער

געאייניקטער דרוק פון אונז אַלע קען אַ סוף מאַכן צו דער הערשאַפט פון דער נאַהאַיקע און רוט. מיר לייגן אייך פאָר, חברים, אויסדריקן אייער פּראָטעסט קעגן דער שענדלעכער גוואַלט, וואָס איז איבער אונז באַגאַנגען געוואָרן.

זאָל לעבן די ברידערלעכע סאָלידאַריטעט צווישן די פעלקער! נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!"

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט ווי געראָפן צו אַן אַטענטאַט און האָט אים באַרעכטיקט. די מערהייט פון ווילנער קאָמיטעט איז דאָך געווען קעגן. אויפן ווילנער קאָמיטעט איז געווען אַ פאָרשלאַג צו אָרגאַניזירן אַן אַטענטאַט און מ'האָט דעם פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן. אַזוי ווי מ'האָט געוואוסט, אַז חברים שאַפן גרופּעס אויסצופירן אַן אָנפאַל, איז אַריינ־געטראָגן געוואָרן אַ צווייטער פאָרשלאַג צו העלפן איינער פון די גרופּעס. אויך פאַר דעם איז נישט געווען קיין מערהייט.

צווישן די פאַרטיי־מיטגלידער זיינען פאָרט געווען שטאַרקע שטי־מונגען פאַר אַן אַטענטאַט. און דער ווילנער קאָמיטעט האָט זיך מיט דעם געמוזט רעכענען. ער האָט גאָרנישט געטאָן קעגנצואווירקן אָט די שטי־מונגען. נאָך מער, ער האָט פאַקטיש דערלויבט, אַז פּריוואַט זאָלן חברים אויספירן אַן אַטענטאַט. דער ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" האָט סוף־כל־סוף אָנגענומען די שטעלונג פון מאַיסיי גורעוויטש [21]), וועלכער איז געווען דער פאַרטרעטער פון צ. ק. אין ווילנער קאָמיטעט, אַ שטאַנדפּונקט וואָס האָט דערלויבט חברים פון קאָמיטעט דאָס צו טאָן אויף זייער פּער־זענלעכער אַחריות. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

אַ מיטגליד פון ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" האָט איבערגעגעבן, אַז אויף דער זיצונג, וואו די פראַגע איז באַשלאָסן געוואָרן, איז געפירט געוואָרן אַ שטורמישע דעבאַטע וועגן דעם פאָרשלאַג צו העלפן אָפיציעל אַ באַשטימטער גרופּע, אויב דער קאָמיטעט נעמט נישט אַליין די זאַך אין זיינע הענט. „אייניקע האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל קומען צו הילף דער גרופּע. די מערהייט האָט אָבער זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, אַרויס־גייענדיק פון דער פּרינציפּיעלער באַציאונג צום טעראָר. פונדעסטוועגן איז נויטיק צו באַמערקן, אַז די שטימונג ביי דער מערהייט איז נישט געווען קיין שטאַרק אויסגעהאַלטענע: מען האָט גאָרנישט געטאָן, כדי

צו פירן אַ קאַמף מיט די טעראָריסטישע שטימונגען. ביי מיר אין זכרון האָבן זיך איינגעשניטן ה׳ גורעוויטשעס ווערטער: ׳דער קאָמיטעט, אַלס אַנשטאַלט, קען נישט באַהילפיק זיין דעם טעראָר, נאָר באַזונדערע מיט־גלידער, וואָס פילן מיט דעם געגעבענעם אַקט, קענען קומען צו הילף — דאָס איז זייער פּערזענלעכע זאַך״ [22]).

אַן ענלעכע מיטל־שטעלונג איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין אַן אויפרוף, וואָס ס׳האָט פאַרפאַסט דער ווילנער קאָמיטעט פון „בונד״ און איז אויך געוואָרן אונטערגעשריבן פון אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען. אין אים איז געזאָגט געוואָרן:

„נישט אויף אונז איז דער נישט־אָפּוואַשנדער שאַנד־פלעק. ניין, די גאַנצע חרפה פאַלט אויף דער זעלבסטהערשונג מיט אירע שענדלעכע משרתים. איצט איז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פאַר אונז, און די גאַנ־צע אויפרעגונג איז אויף פאָן וואַלן און זיינע מיטהעלפער. די באַרבאַריי האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם האַס און פאַראַכטונג צו דער רוסישער רעגירונג און דערוועקט דורשט פון הייליקער נקמה... מיר קעמפן מיט רואיקע מיטלען. נישט אין אונזערע צילן איז צו פאַרגיסן מענטשן־בלוט. נאָר די געדולד האָט אויך אַ גרענעץ... נישט אונזער שולד, אויב די פאָלקס־נקמה, דער האַס און די אויפרעגונג וועלן זיך אויסגיסן אין אַן אַקט פון גוואַלט. וואַל אַליין האָט דערצו אַ וועג געוויזן. די גאַנצע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט איז אויף די צאַרישע דינער — וואַל און זיינע נאָענטע מיטהעלפער, וועלכע האָבן אין דעם אַן אָנטייל גענומען״.

אין דעם אויפרוף זיינען געשטעלט געוואָרן צום שאַנד־סלופּ: דער גובערנאַטאָר פאָן וואַל, דאָקטאָר מיכאַילאָוו, פּאָליצמייסטער נאַזימאָוו, די פּריסטאַוועס סניטקאָ און קאָנטשעווסקי, אָקאָלאָדאָטשני מאַרטינאָוו, די גאָראָדאָוואָיעס ציבולסקי און מילאָש. דער אויפרוף ווערט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „יעדערן פון אייך וועט טרעפן די נקמה, און אייערע נעמען וועלן בלייבן פאַרשאָלטן אויף אייביק.״ אונטערגעשריבן זיינען געווען: דער ווילנער קאָמיטעט פון „בונד״, דער ווילנער קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין פּוילן און ליטע, דער ווילנער קאָמיטעט פון דער ליטווישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און די ווילנער גרופּע פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

אַ באַזונדערע פּראָקלאַמאַציע האָט אַרויסגעלאָזט דער ווילנער קאָ־מיטעט פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.). דאָרטן איז געזאָגט געוואָרן: „זאָל די חיהשע האַנדלונג פון וואַלן אויפוועקן אין אַלע הערצער אַ פאַרלאַנג נאָך נקמה״... „לגבי די גוואַלט־טאַטן פון דער רעגירונג לאָמיר אַרויסטרעטן ווי קעמפער, וועלכע קענען שטעלן אַ ווי־דערשטאַנד און ענטפערן אויף גוואַלט מיט גוואַלט!״

אַזוי־ערנאָך האָבן פּאַקטיש אַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות אין ווילנע געגעבן זייער הסכם, אַז די שולדיקע אין שענדלעכן אַקט זאָלן פּערזענלעך צאָלן אַ פּרייז. עס האָבן זיך געבילדעט אייניקע גרופּעס. דעם פּריסטאַוו קאָנטשעווסקי האָט מען געשפּאָלטן דעם קאָפּ. אַן איינדרוקספולע דע־מאָנסטראַציע איז געמאַכט געוואָרן קעגן דאָקטאָר מיכאַילאָוו. ער איז געווען אָנגעשטעלט אין דער כעמיש־טעכנישער שול. ווען ער איז געקומען אין שול אַריין, האָבן די שילער אים אויפגענומען מיט אויסרופן: אַרויס פון דאַנען! נידערטרעכטיקער פּאָדלעץ! וואָן אַרויס, תליון! אַלע שי־לער האָבן זיך סאָלידאַריזירט אין דער פייַנטלעכער דעמאָנסטראַציע [23].

דער עיקר איז געגאַנגען אין הויפּט־בעל־דבר, דעם גובערנאַטאָר. און ער האָט זיך שטאַרק געהיטן. נישט אַזוי אָפּט פלעגט ער זיך באַ־וויזן אין גאַס, איז געפאָרן אין אַ פאַרמאַכטער קאַרעטע און איז שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט געהיים־אַגענטן. דורך דער פּאָסט האָט ער באַ־קומען אַ סך אַנאָנימע בריוו מיט דראָאונגען און די אָכראַנע האָט געהאַט אירע ידיעות וועגן דער צערייצטער שטימונג און נקמה־פּלענער.

פון אַלע גרופּעס האָט זיך אַרויסגערוקט אויפן אויבנאָן איינע, צו וועלכער עס האָט געהערט הירש לעקערט. דאָס איז געווען אַ קליינע גע־שלאָסענע גרופּע, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו הרגענען פאָן וואַלן. אַחוץ דעם האָט זי געהאַט אויך הילף־קרעפטן, וואָס מ׳האָט אויסגענוצט צום אויסשפּירן און צו אַנדערע אַרבעטן. צווישן די לעצטע זיינען אויך געווען אייניקע פּרוּיען.

וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער דאָזיקער גרופּע לאָמיר הערן וואָס עס דערציילט איינער פון אירע אָרגאַניזאַטאָרן און אָנטיילנעמער (יודל לעוויט). ער איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט אַ פאָרשטייער פון ווילנער קאָמיטעט און באַקומען פון אים אַזאַ תשובה:

„הערט, זאָגט מען מיר, וואָס איר פאַרשטייט, טוט... דאָס הייסט פּריוואַט... די אָרגאַניזאַציע אַלס אַזעלכע ווייס פון קיין זאַך נישט... געלט נאָט איך דערווייל 60 רובל...

איך בין אַוועק. און דאָ האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. אויף דעם 2טן טאָג זיינען מיר שוין זאַלבע אַכט געלעגן, נאָך אַ גאַנצן טאָג אָנגעשטרענגטן היטן פאַן וואַלן, ביי אַ שוסטער אויפן ראָג פון נאָוואָגראָדסקע גאַס אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָבן מיר שטו־דירט אונזערע רעוואָלווערן, אויף וועלכע מיר האָבן געלעגט אונזער לעצטע האָפענונג, אונזער לעצטע טרייסט...״ [24]).

דער טרעף־פּונקט פון דער גרופּע איז געווען ביי יואל דעם שוסטער אויף אַ הויף ביים עק נאָוואָגראָד. יואלס ווייב פלעגט קאָכן מיטאָגן פאַר אַרבעטער. איז מען געקומען אַהין עסן, זיך פאַרמאַכט אין אַ קליין צימערל און זיך באַראַטן.

אין אָנהויב איז די גרופּע באַשטאַנען בלויז פון יידישע אַרבעטער. שפּעטער האָט לעקערט אַריינגעפירט אויך צוויי פּוילישע אַרבעטער. צווישן די פּוילישע שוסטער און גאַרבער האָט לעקערט געהאַט אַ סך באַ־קאַנטע, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געאַרבעט אָדער געווען באַטייליקט אין שטרייקן און אַנדערע אַקציעס. צווישן די פּוילישע לעדער־אַרבעטער זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געווען פעאיק און וויליק אַוועקצולייגן אַ צאַרישן סאַטראַפּ, בפרט פאַן וואַלן, וועלכער האָט אַרויסגערופן קעגן זיך אַן אַלגעמיינעם צאָרן. צוויי פון זיי האָט לעקערט צוגעצויגן צו דעם געפּלאַנטן אַטענטאַט.

די גרופּע איז ענערגיש אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט. מ׳האָט זיך געאיבט אין שיסן. יעדן טאָג זיינען צעשטעלט געוואָרן אין געוויסע פּונקטן פון שטאָט אויסשפּירער. אַכט טעג זיינען פאַרביי. קיינער באַ־מערקט אים נישט. די שטימונג פאַלט. אויפן ניינטן טאָג — פאַן וואַל איז דאָ. צוזאַמען מיטן גענעראַל גריפּענבערג גייט ער צום אָפיצירן־קלוב. לעקערט שטייט אויף דער וואַך, זעט אים און לאָזט אים פאַרביי.

די אַנדערע מיטגלידער פון דער גרופּע זיינען געוואָרן אויפגערעגט. לעקערט אַליין האָט זיך געביסן די פינגער פאַר כעס. אַז מ׳דאַרף הרגענען פאַן וואַלן — אין דעם האָט ער נישט געהאַט דעם מינדסטן ספק. די

אַלע רייד פון די אַנטי־טעראָריסטן, זייערע טעאָרעטישע באַגרינדונגען און פּרינציפּיעלע באַוואָרעניִשן האָבן אים געלאָזט אייז־קאַלט. ווי אין די רעדעס פון די אַגיטאַטאָרן און אין די אַרטיקלען פון דער אונטערערדי־שער פּרעסע האָט ער געזוכט „דאָס ריכטיקע וואָרט״, אַזוי אויך האָט ער געוואָלט דאָ די „ריכטיקע טאַט״. נאָר נישט אָפּקומען מיט רייד אָדער מיט קלייניקייטן. פאַר אַ גרויסער געמיינקייט מוז קומען דער ריכטיקער קלאַפּ. אַ מענטש פון דירעקטער טאַט, אַן אַנהענגער פון נוצן פיזישן כוח, אַ ליבהאָבער פון גיין אַליין אין געפאַר אײדער שיקן אַהין אַנדערע, איז ער געווען פּסיכיש צוגעגרייט צו זיין אַקט. קיין מוט האָט אים נישט געפעלט. און דעם כבוד „אַוועקצולייגן״ פאָן וואַלן האָט ער נישט געוואָלט קיינעם אָפּטרעטן. און דאָך האָט אים באַהערשט אַ מענטשלעכע שוואַכקייט, ווען ער האָט פאַר זיך דערזען דעם אַנגעמערקטן קרבן.

די אַנדערע חברים פון דער גרופּע האָבן באַשלאָסן צונעמען ביי אים דאָס געווער. מיט פולער אַנטשיידנקייט האָט לעקערט זיך קעגנ־געשטעלט. באַטראַכט האָט ער דאָס פאַר דער גרעסטער באַליידיקונג אין זיין לעבן. ער האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קינד און דערקלערט, אַז עס האָט אים אין קריטישן אויגנבליק פאַרפעלט מוט. „די האַנט האָט נישט געפאָלגט. ס׳וועט זיך מער נישט איבערחזרן. איך מוז אים פּטרן״ — האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט צו זיינע חברים.

אויך פון אַן אַנדערער זייט איז געווען אַ פּרואוו אים צו „אַנטוואָפנען״. זיין פרוי, וועלכע האָט זיך געריכט אַ ליאַדע טאָג געלעגן צו ווערן, האָט געוואוסט וואָס דער פאָטער פון איר קינד גרייט זיך צו טאָן. וועגן דער זאַך גופא זיינען ביי איר קיין ספקות נישט געווען, זי האָט אָבער מורא געהאַט פאַר איר הירשקען. און זי האָט צו אים געזאָגט: — דו ביסט דאָך נישט איינער, עס פעלן נישט קיין חברים, וואָס וועלן זיך גיין אָפּרעכענען מיט וואַלן. און זיי האָבן דאָך נישט קיין ווייבער, וואָס דאַרפן באַלד גיין אין קימפּעט אַריין. באַרעכן זיך...

הירשקען האָט עס נישט גערירט. ער האָט איר געענטפערט: — מלכה, איך האָב נישט חתונה געהאַט מיט דיר, אַז איך זאָל דאָס נישט קענען טאָן. איך מוז דאָס טאָן...

דער אַכזריותדיקער גובערנאַטאָר האָט גאָרנישט געלערנט פון דער

אויפגערעגטער שטימונג ביי דער באַפעלקערונג. אויך די וואָרנונגען פון דער אָכראַנע, אַז זיין לעבן איז אין סכנה, זיינען נישט געווען בכוח אים איינצוהאַלטן אין זיין ווילדקייט. אין ווילנער געגנט איז גראָד דעמאָלט געווען אַ שאַרפער קאָנפליקט צווישן פויערים און דעם פריץ בוטורלין צוליב אַ וואַלד. איינגעגלויבט, אַז שמיץ זיינען אַ ווירקזאַם מיטל פאַר בונטאָווששיקעס, האָט פאָן וואַל געהייסן ברענגען אין שטאָט אַריין 18 פויערים און מ׳האָט זיי געשמיסן.

ס׳זיינען אַוועק נאָך עטלעכע טעג און ס׳איז געקומען די נקמה פאַר דער שמייסעריי און דערנידערונג. געווען איז דאָס דעם 18טן מאַי (נייער סטיל). דער גובערנאַטאָר גייט אין צירק אַריין אויף לוקישקעס. הירשקע, וועלכער האָט געוואוינט נישט ווייט פון צירק, איז מיט נאָך אַ חבר אַהין אַוועק. אָנגעטאָן אין אַ ברוינער מאַרינאַרקע, האָט לעקערט געטשאַטעוועט, האַלטנדיק פעסט אין זיינע שוואַרצע שוסטער־הענט דעם רעוואָלווער (אַ בראַונינג). אויך אַ קינזשאַל איז געלעגן גרייט אין זיין קעשענע. לע־קערט און זיין חבר האָבן געוואַרט אויף דער גאַס. זיי זיינען געווען פעסט אַנטשלאָסן אויסצופירן זייער שליחות.

אונטער אַ שטאַרקער וואַך גייט דער גובערנאַטאָר אַרויס און זעצט זיך אַריין אין קאַטש. איצט איז דער שעת־הכושר. הירשקע איז צוגעלאָפן, אויסגעשאָסן איין מאָל און אַ צווייטן מאָל. די צוויי קוילן האָבן געטראָפן פאָן וואַלן: איינע אין דער לינקער האַנט, די צווייטע אין רעכטן פוס.

הירש לעקערט איז באַלד געוואָרן אַרומגערינגלט פון פאָליציי און אָכראַניקעס (געהיים־אַגענטן), וועלכע האָבן אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און ווילד געשלאָגן. ער האָט נאָך באַוויזן אויסשיסן אַ דריט מאָל אין דער לופטן און אויסשרייען: „זאָל לעבן די פרייהייט!" 5 פאָ־ליציאַנטן מיט אַרויסגעצויגענע שווערדן האָבן אים אָפּגעפירט אין אַרעסט, וואו מען האָט אים געשמידט הענט און פיס אין קייטן און פון דאָרטן איבערגעפירט אין אַנטאָקאָליער טורמע.

אַ מיטגליד פון דער גרופע האָט אַזוי געשילדערט דעם מאָמענט פון אַטענטאַט: „ווען מיר האָבן אַ קורצע ווײַלע געוואַרט לעבן צירק, האָבן מיר דערזען זיין קאַרעטע. מיר האָבן נישט באַוויזן זיך אומצוקוקן

און ער איז שוין געווען אין צירק. קיין געלט צו קויפן בילעטן האָבן מיר נישט געהאַט. איך האָב געבעטן זיך ביי הירשקען, אַז מ׳זאָל צולויפן צו די רעשט חברים און געבן צו וויסן. הירשקע האָט מיר אָבער קאַטעגאָריש פאַרווערט: — מ׳דאַרף נישט, האָט ער געזאָגט, מירן זיך אַליין אַן עצה געבן.ביים ערשטן אַנטראַקט זיינען מיר ביידע געשטאַנען אין צוויי ווינקעלעך ביים אַרויסגאַנג. איך האָב דערהערט אַ שאָס. ער איז שוין געלעגן און הירשקען האָבן שוין געהאַלטן צענטליקער הענט״. דאָס האָט דערציילט לעוויטן אין דער נאַכט פון אַטענטאַט יאַנעק, אַ פוילישער גאַרבער־אַרבעטער, וועלכער האָט צוזאַמען מיט לעקערטן דיזשורירט ביים צירק [25]).

דער אַטענטאַט האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין שטאָט און שטאַרק אָפּגעהילכט אין לאַנד און אין אויסלאַנד. די יידישע אַרבעטער האָבן דערפילט אַ פאַרלייכטערונג. די באַצאָלונג איז געקומען. מ׳האָט נאָר באַדויערט וואָס דער ווילדער טיראַן איז אָפּגעקומען בלויז מיט וואונדן. אין דער געזעלשאַפט בכלל האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק דער פאַקט, וואָס דער אַטענטאַט איז געוואָרן אויסגעפירט דורך אַ פשוטן אַרבעטער. איז מען דאָך געווען געוואוינט, אַז פאָליטישע אַטענטאַטן איז די עובדא פון אינטעליגענטן. אין אַ סביבה, וואו ס׳האָט נאָך אַרומגעבלאָנקעט דאָס ווערטל „שעווצי אי קראַווצי ניע ליודזשע״ (שוסטער און שניידער זיינען נישט קיין מענטשן), זיינען די שאָסן פון אַ „שוסטער־יונג״ אין פאַרטיידיקונג פון מענטשלעכן כבוד געווען אַן איבעראַשונג. די רייכע יידן האָבן געטענהט: „הלמאי אַ ייד?״ אין אייניקע שולן האָט מען אָפּגעריכט תפילות פאַרן לעבן און געזונט פון פאַרוואונדעטן גובערנאַטאָר. אין איין אָרט זיינען די מתפללים זיך צעלאָפן, בעת מ׳איז צוגעטרעטן אָפּריכטן די תפילה. ס׳איז צו אים אויך געגאַנגען אַ יידישע דעלעגאַציע אויסצודריקן מיטגעפיל אין נאָמען פון „יידישן כלל״. פאָן וואַל האָט זיך צו דער דעלעגאַציע באַצויגן גראָב און געזאָגט: „ווער ווייס, אפשר איז לעקערט געשיקט געוואָרן פון אייער קהל? איר דערציט גוט אייער יוגנט״!.. — און איר האָט באַלמאַשאָוון בעסער דערצויגן — האָט באַמערקט איינער פון דער דעלעגאַציע, אַדוואָקאַט סלאָנימ־

סקי. אויף דעם האָט פאַן וואַל געענטפערט שאַרף: „ס׳איז נישט אייער זאַך צו משפּטן״.

אין די בונדישע קרייזן האָט מען געהאַט ביטערע טענות און תּרעומות צום ווילנער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פּאַרוואָס ער אַליין האָט נישט אָרגאַניזירט דעם אַטענטאַט. די אומצופרידענע זיינען געווען זיכער, אַז די גאַנצע זאַך וואָלט בעסער געלונגען, ווען דער קאָמיטעט וואָלט דאָס גענומען אין זיין האַנט און דעלעגירט צו דעם פּאַסיקע און געניטע מענטשן.

אין שטאָט האָבן קורסירט פאַרשיידענע קלאַנגען און מעשיות. ס׳האָבן זיך באַלד געשאַפן לעגענדעס וועגן אַטענטאַט און דעם אויספירער. צווישן אַנדערן האָט מען דערציילט, אַז לעקערט האָט געשאָסן אין ברוסט און בויך. פאַן וואַל האָט געטראָגן אַ פּאַנצער־העמד, דעריבער זיינען די קוילן אָפּגעשפּרונגען און „ריקאָשעט״ אַריין אין האַנט און פוס. צווישן יענע יידן, וואָס האָבן בכלל געקוקט קרום און בייז אויף דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג, האָט מען איצט געקענט הערן אַזעלכע ווערטער: „מיט די אַרבעטער דאַרף מען קיין קאַטאָוועס נישט טרייבן״, „פאַן וואַל האָט איבערגעכאַפּט די מאָס״, „דער הונט איז ווערט דעם שטעקן״.

די זשאַנדאַרמעריע האָט איבערגענומען לעקערטן אונטער איר שטרענגער השגחה און אים געפּאַרשט. זי האָט פון אים געוואָלט דערגיין ווער זיינע מיטהעלפער זיינען. נישט געקוקט אויף אַלע אירע אָנשטרענ־גונגען, האָט זי גאָרנישט געקענט פון אים אַרויסבאַקומען. זי האָט גע־פּרוווט מיט בייזן און מיט גוטן, מיט דראָאונגען און צוזאָגן, מיט קלעפּ און כיטרעקייט, אָבער הירשקע האָט אַלץ געטענהט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין שום מיטהעלפער. די דאָזיקע מאָראַלישע גבורה האָט ער אָנגעהאַלטן ביזן סאַמע סוף.

אין די הויכע רעגירונג־קרייזן אין פעטערבורג האָט מען זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם ענין. אַפילו צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער האָט גלייך געשיקט צו זיין גובערנאַטאָר אַ מיטגעפיל־טעלעגראַמע און ער האָט געפאָדערט, אַז מ׳זאָל אים צושטעלן טעגלעכע באַריכטן וועגן דעם [26]. די ווילנער אַדמיניסטראַציע האָט געהאַנדלט גענוי לויט די אָנווייזונגען פון דער רעגירונג, פאַר וועלכער הירש לעקערטס שאָסן זיינען אויך געווען אַ גרויסע איבעראַשונג. הייסט עס, האָבן די מיניסטאָרן און הויכע

באַאַמטע געשמועסט, אַז פּאָליטישער טעראָר גייט שוין אַריין אין דער שוסטער־גאַס און אין דער יידישער דערצו. אמת, אויך פריער, אין די צייטן פון די נאַראָדאָוואָלצעס, זיינען יידן געווען פאַרמישט אין צוגרייטן אַטענטאַטן, אָבער דאָס זיינען געווען אינטעליגענטן, יחידים, וואָס זיינען אַוועק פון דער יידישער גאַס, זיך אויסגעמישט מיט די רוסן, און די יידישע באַפעלקערונג האָט צו זייערע מעשים קיין שייכות נישט געהאַט. דאַקעגן דער ווילנער שוסטער איז פון דער סאַמע יידישער געדיכטעניש, ס׳איז אַן אָנזאָג פון עפּעס נייעס. מ׳דאַרף דעריבער די נייע דערשיי־נונג דערשטיקן באַלד ביי דער געבורט. און אין די קעפּ פון די צאַרישע סאַטראַפּן איז אויפגעקומען בלויז איין ענטפער: טויטן... דאָס וועט אָפּ־שרעקן...

לויטן באַפעל פון אינערן־מיניסטער פּלעווע איז לעקערט געשטעלט געוואָרן פאַר אַ מיליטער־געריכט, כדי מען זאָל אים קענען משפּטן לויט מיליטער־געזעצן און פאַרמשפּטן צום טויט. אין אַ געוויינלעך געריכט וואָלט מען געגעבן עטלעכע יאָר קאַטאָרגע. ער האָט דעם ענין איבערגע־שיקט דעם קריגס־מיניסטער קוראָפּאַטקין. סך־הכל 10 טעג נאָכן אַטענ־טאַט, דעם 28טן מאַי, איז שוין דער פּראָצעס פאָרגעקומען. דער פּראָצעס איז אַדורך שטרענג־געהיים. קיין שום זייטיקע האָט מען נישט צוגעלאָזט. אַפילו ווען דער פּראָצעס קומט פאָר האָט מען אין שטאָט נישט געוואוסט און מ׳האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, ווען דער פּראָצעס איז שוין געווען אין גאַנג. מיט אויסערגעוויינלעכע פאָרזיכטס־מיטלען און אונטער אַ שטאַר־קער וואַך האָט מען דעם אָנגעקלאָגטן אין אַ פאַרמאַכטער קאַרעטע גע־ברענגט אין געריכט. דער געריכט־פאָרזיצער האָט בכיוון נישט געזאָגט דעם אָנגעקלאָגטן, אַז ער האָט רעכט צו נעמען אַ ציווילן פאַרטיידיקער. ער האָט מורא געהאַט, אַז אַזאַ פאַרטיידיקער וועט קענען אויפווייזן אויף דער גאַנצער אומגעזעצלעכקייט פון שטעלן דעם אָנגעקלאָגטן פאַר אַ מי־ליטער־געריכט. דאַקעגן האָט דער פאָרזיצער באַשטימט אַ מיליטער־מאַן, קאַפּיטאַן פּעטראָוו צו זיין לעקערטס אַדוואָקאַט. דער דאָזיקער פּעטראָוו האָט אַליין געציטערט דאָס מויל צו עפענען. ס׳האָט אים בלויז געקלעקט מוט צו בעטן, אַז מ׳זאָל דעם פאַרמשפּטן נישט הענגען, נאָר שיסן...

די גאַנצע צייט פון דער געריכט־קאָמעדיע האָט הירש לעקערט זיך

געהאַלטן אויסערגעוויינלעך רואיק און ווירדיק. אויך אויפן פּראָצעס האָט מען פון אים געוואָלט אַרויסבאַקומען ידיעות וועגן זיינע מיטהעלפער. אויף דעם האָט ער געענטפערט, אַז ער איז גענוג קלוג אַליין צו האָבן שכל, אַז מ׳דאַרף פאַן וואַלן אומברענגען. ער האָט זיך מודה געווען אין שיסן, אין וועלן הרגענען פאַן וואַלן, אָבער ער פילט נישט קיין שום שולד, האָט ער געזאָגט די מיליטערישע ריכטער.

אָט ווי אַזוי לעקערט האָט פאַרגעשטעלט די זאַך: „איך אַליין, לויט אייגענער אַנרעגונג, אָן שום זייטיקן איינפלוס, האָב באַשלאָסן צו הרגענען דעם גובערנאַטאָר. אַזוי ווי כ׳האָב נישט געהאַט קיין געלט צו פאַרשאַפן זיך אַ רעוואָלווער, און כ׳האָב געוואָלט דערשיסן דעם גובערנאַטאָר, האָב איך פון שוועדס קויש בסוד אַרויסגענומען זיינע 9 רובל. כ׳געדענק גוט, אַז דעם רעוואָלווער האָב איך געקויפט דאָנערשטיק דעם 2טן מאַי אין אַ מאַגאַזין אויפן טעאַטער־פּלאַץ. פאַרן רעוואָלווער האָב איך באַצאָלט 9 רובל. דער מענטש, וואָס האָט מיר פאַרקויפט דעם רעוואָלווער, האָט נישט פאַרלאַנגט פון מיר קיין שום צייגניש און אויף מיין ביטע האָט ער מיר געוויזן ווי אַזוי אָנצולאָדן דעם רעוואָלווער. צוזאַמען מיטן רעוואָלווער האָט מען מיר, לויט מיין ביטע, אָן שום צוצאָלונג געגעבן 5 קוילן.

אַזוי ווי כ׳האָב נישט געקענט דעם גובערנאַטאָר פון פּנים, בין איך דעם 20, 21 און 22 אַפּריל (אַלטער סטיל) געקומען אייניקע מאָל אין טאָג אויפן פּלאַץ פאַרן גובערנאַטאָרשן הויז און געזעסן אויף אַ באַנק אין סקווער, אויפּפּאַסנדיק אויפן אַרויספאָר פון גובערנאַטאָר. איך האָב אים געזען אַרויספאָרן יעדן טאָג און האָב זיך גוט גענומען אין זכרון אַריין זיין אויסזען. נאָכן קויפן דעם רעוואָלווער האָב איך ביזן 5טן מאַי (אַלטער סטיל) נישט געזוכט קיין געלעגנהייט צו דערהרגענען דעם גובערנאַטאָר. זונטיק דעם 5טן מאַי בין איך אַרויס פון הויז 11 אַזייגער פרי און ביז סאַמע אָונט אַרומגעדרייט זיך אויפן מאַרק. אין אָונט האָב איך צווישן עולם געהערט ריידן, אַז דער גובערנאַטאָר איז געקומען אין צירק. איך בין אַוועק צום צירק און אָנגעהויבן גיין הין און צוריק ביים אַריינגאַנג אין דער גובערנאַטאָרשער לאָזשע, וואַרטנדיק אויפן גובערנאַטאָרס אַרויסגיין. ווי נאָר דער גובערנאַטאָר איז אַרויס אין גאַס, בין איך אָן שטע־

רונג צוגעגאַנגען צו אים און כמעט האַרט ביים קערפּער אין אים צוויי מאָל אַריינגעשאָסן״.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָס הירש לעקערט האָט געזאָגט, איז נישט געווען אמת. ער האָט דאָס אַלץ אויסגעטראַכט, כדי צו פאַרדעקן די אַנדערע מיטבאַטייליקטע פון דער גרופּע. וועגן רעוואָלווער האָט מיט יאָרן שפּעטער דערקלערט זיין פרוי מלכה: „די רעוואָלווערן האָט הירשקע נישט געקויפט. איך ווייס עס גאַנץ גוט. מען האָט זיי אים געגעבן פון „בונד״. איך ווייס נישט ווער, אָבער מ׳האָט אים געגעבן״ [27].

דער אורטייל איז שוין פון פריער געווען צוגעגרייט: טויט דורך הענגען. דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויפן סמך פון פּאַראַגראַף 279 פון מיליטערישן געזעץ.

די גאַנצע צייט פון פּראָצעס איז די געביידע פון מיליטער־געריכט געווען באַוואַכט דורך זעלנער מיט ביקסן. דאָס האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און מ׳האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס משפּט מען לעקערטן. די גאַסן פון דער געריכט־געביידע ביז צו דער טורמע זיינען געוואָרן באַלעבט מיט מענטשן. גלייכצייטיק זיינען די זעלבע גאַסן אויך געוואָרן פול מיט פּאַטרולן. אונטער אַ שטאַרקער שמירה האָט די קאַרעטע צוריקגעפירט דעם פאַרמשפּטן אין „14טן נומער״, אין דער טורמע פון געוועזענעם ווילנער ציטאַדעל. דאָרטן האָט דער זשאַנדאַרמען־אָפיציר טערענטיעוו ווידער געפּרואווט איינברעכן לעקערטן און אַרויסבאַקומען די נעמען פון די מיטהעלפער. ער האָט גערעכנט, אַז דער טויט־אורטייל וועט לעקערטן דערדריקן און ער וועט נישט קענען מערביישטיין די אומאויפהערלעכע פראַגעס פון אויספאָרשער. אָבער דער צום טויט־פאַרמשפּטער איז ווייטער געבליבן פעסט.

דער אָפיציעלער פאַרטיידיקער האָט אָנגעגעבן אַן אַפּעלאַציע קעגן אורטייל, אָבער זי איז נישט אָנגענומען געוואָרן. דער גורל פון פאַראורטיילטן איז געווען געחתמעט. אָפן איז געבליבן בלויז אַ קליין שפּאַרונקעלע — דערלאַנגען אַ ביטע וועגן באַגנעדיקונג. הירש לעקערט האָט געהאַלטן פאַר אומווירדיק צו דערלאַנגען אַזאַ ביטע, און פאַר צוועקלאָז אויך. צו אים אין קאַמער איז געקומען די מוטער זיינע און די מעוברתע פרוי און זיי האָבן ביטער געוויינט. זיי האָבן פון אים פאַרלאַנגט צו דער־

לאַנגעזן אַ ביטע, אַז מ׳זאָל אים שענקען דאָס לעבן. הירש לעקערט האָט נישט געוואָלט הערן פון דעם.

די פאַרשטייער פון דער מאַכט האָבן אויך אויסגעאיבט אַ דרוק, אַז דער פאַרמשפּעטער זאָל דערלאַנגען אַ ביטע. נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן די ביטע געוואָלט אָננעמען, נאָר ווייל זיי האָבן זי געוואָלט אָפּ־וואַרפן... זיי האָבן אונטערגעשיקט דעם „אוטשאַני יעוורעי״ שעפטל קליאַטשקאָ, וועמען ווילנער יידן האָבן גערופן „גובערנאַטאָר שני״ און דעם אָפיציעלן פאַרטיידיקער קאַפּיטאַן פּעטראָוו. פאַרשטייער פון דער זשאַנדאַרמעריע האָבן געגעבן צוזאָגן דער מוטער, דער פרוי און איר אַדוואָקאַט עליאַשעוו. זיי אַלע האָבן אויסגעאיבט אַ שטאַרקן דרוק אויפן פאַרמשפּטן, וועלכער איז געזעסן אין קאַמער און געוואַרט, אַז מ׳וועט אים קומען נעמען צו דער תּליה. מיט זיין געזונטן חוש האָט ער ריכטיק אָפּגעשאַצט די לאַגע. אויף די אַלע צורעדענישן האָט ער געענטפערט: „מען וועט מיך סיי־ווי אויפהענגען, צו וואָס נאָך בלייבן אַ נאַר?״

מ׳האָט אים אָבער צו רו נישט געלאָזט. ווידער און ווידער געוויינען, געבעטן און מוסר... סוף־כל־סוף איז אים די זאַך דערעסן געוואָרן. ער האָט זיך געוואָלט אָפּטשעפּען און אַ זאָג געטאָן: „טוט אייך וואָס איר ווילט״. מ׳האָט דאָס אויסגענוצט און אַדוואָקאַט עליאַשעוו האָט באַלד פאַרטיק געמאַכט אַ ביטע און זי אָפּגעשיקט אין נאָמען פון „בעזגראַמאָט־נעם״ הירש לעקערט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז גערעכט איז געווען דער פאַרמשפּעטער: די ביטע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

די ביטע וועגן באַגנעדיקונג, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרן דעם קאָמאַנדיר פון ווילנער מיליטערישן ראַיאָן, האָט געהאַט אַזאַ אינהאַלט:

„היינט האָט דער ווילנער ראַיאָנער מיליטער־געריכט אַרויסגעטראָגן איבער מיר אַ טויט־אורטייל. אָנגעבן תּירוצים, פאַררופן זיך אויף מילדערנדיקע אומשטענדן איז שוין איצט שפּעט. ס׳בלייבט פאַר מיר איבער בלויז בעטן וועגן רחמנות אין נאָמען פון מענטשלעכן געפיל. אייער עקסעלענץ, — וואָס פאַר אַ פאַרברעכער איך זאָל נישט זיין, נעמט ביי מיר נישט צו דאָס לעבן. איך בין דאָך אַ מענטש, וואָס קען זיך נאָך פאַר־בעסערן. אויב מיין פאַרברעך איז אַזוי שווער, אַז איך האָב פאַרלוירן די רעכט אויפן נאָמען מענטש, טאָ שפּאָרט מיין לעבן כאָטש צוליב מיין מאַ־

מען און מיין מעוברתער פרוי. לויט דער ביטע פון נישט גראַמאָטנעם מעשטשאַנין לעקוד (לעקערט) האָט עס אויפגעשריבן פעדאָר איוואַנאָוו פּליוסאָוו".

אין איר אייגענעם נאָמען האָט די פרוי אָוועקגעשיקט אַ ביטע צו דער צאַרין אַלעקסאַנדראַ פיאָדאָראָוונאַ. זי האָט צו איר געדרעדט ווי אַ פרוי צו אַ פרוי. זי האָט איר איבערגעגעבן, אַז זי גייט באַלד האָבן אַ קינד און געבעטן מ'זאָל נישט אומברענגען דעם פאָטער פון דעם קינד. געוואָלט האָט זי, אַז די צאַרין זאָל בעטן ביי איר מאַן, דעם צאַר פון רוסלאַנד, ניקאָלאַי דעם צווייטן, אַרויסצואווייזן חסד און שענקען דאָס לעבן דעם צום טויט־פאַרמשפּטן. אונטערגעשריבן איז די ביטע געווען מיטן נאָמען — מלכה לעקערט [28]).

דער גורל פון פאַרמשפּעטן איז געוויס געלעגן אין די הענט פון דער רעגירונג, אָבער ביז אַ געוויסן גראַד אויך אין זיינע אייגענע הענט.

פאָן פּלעווע, דער נייער אינערן־מיניסטער נאָך באַלמאַשאָוס אַטענ־טאַט אויף סיפּיאַגינען, האָט זיך אָנגעפרעגט צי לעקערט האָט אַרויסגע־געבן זיינע שותפים. ער האָט באַקומען אַ תשובה, אַז ער איז איינגע־שפּאַרט און וויל זיינע מיטהעלפער נישט אַרויסגעבן. דאָס האָט געחתמעט זיין גורל. לעקערט האָט געוואָלט ראַטעווען זיין לעבן, אָבער נישט פאַרן פּרייז פון פאַראַט. ער האָט זיינע חברים נישט אַרויסגעגעבן און מיט דעם אָפּגעהיטן איינעם פון די הייליקסטע רעוואָלוציאָנערע געבאָטן. ער האָט עס נישט געטאָן, כדי פאַרשפּאָרן זיך פיזישע יסורים, ער האָט עס נישט געטאָן, כדי צו קויפן זיך דאָס לעבן. צו זיין פרוי, וועלכע האָט אים באַזוכט 4 מאָל אין „14טן נומער", האָט ער איינמאָל אַזוי געזאָגט: — מלכה, זיי וועלן מיך שוין נישט שלאָגן. זיי פּלעגן מיך שלאָגן יעדע נאַכט. אין מיטן נאַכט האָבן זיי מיך אַרויסגעפירט און געשלאָגן, שטאַרק געשלאָגן. זיי האָבן צו מיר געשריגן: „מערדער דו, זאָג ווער האָט דיר געגעבן געלט דו זאָלסט שיסן!"

דער פאַרמשפּעטער האָט זיך געגרייט צום אומפאַרמיידלעכן. אין די געשפּרעכן מיט זיין פרוי בעת די זעאונגען, האָט ער מיט איר גערעדט וועגן קינד, וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט, פון וועלכער ער גייט אַוועק. ער האָט איר אָנגעזאָגט צו געבן דעם קינד אַ נאָמען נאָך אים,

דעם טאָטן. ער האָט איר אויך געגעבן אַ שטיקל זייף, מיט וועלכן ער האָט זיך געוואַשן און איר געהייסן וואַשן זייער קינד מיטן זעלבן שטיקל זייף. מיט עפּעס האָט ער פֿאַרט געוואָלט בלייבן באַהאַפֿטן צום לעבן, פֿון וועלכן דער גרויזאַמער משפּט וועט אים באַלד אָפּרייסן. פֿיר טעג פֿאַר זיין גוואַלטזאַמען טויט איז אויף דער וועלט געקומען אַ שפּראָץ פֿון זיין לעבן — דאָס קינד זיינס. און ער אַליין האָט זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז זיין לעבן ענדיקט זיך. מיט קרייד האָט ער אויף דער פּאָד־לאָגע פֿון קאַמער געצייכנט אַ תּליה[29].

די רעגירונג האָט דווקא געוואָלט, אַז דער האַרבער פּסק־דין זאָל אויסגעפֿירט ווערן. אין אַ געשפּרעך מיט אַ מיטגליד פֿון מלוכה־ראַט האָט אינערן־מיניסטער פּלעווע אַזוי געזאָגט: „ווי אַ מענטש, האָב איך נישט קיין סימפּאַטיע פֿאַר דעם דאָזיקן אורטייל, נאָר ווי אַ מלוכהשער טוער דאַרף איך פֿאָדערן טויט־שטראָף, ווייל לעקערט איז אַן אַרבעטער. די אינטעליגענץ וועסטו מיט דעם נישט אָפּשרעקן, אָבער אויף די אַרבעטער וועט דער דאָזיקער פּסק־דין האָבן אַ געהעריקע ווירקונג". מיט די דאָ־זיקע ווערטער האָט דער הויפּט־פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר דער טויט־שטראָף אַליין אָנערקענט, ווי אומגערעכט דער אורטייל איז געווען. דער יידישער אַרבעטער האָט אָבער געמוזט ווערן אַ קרבן אויפֿן מזבח פֿאַר דער זיכערקייט פֿון צאַרישן טראָן. עס זיינען אָפּגעלאָפֿן 13 טעג נאָך דער געריכט־קאָמעדיע און דער באַגער פֿון דער צאַרישער רעגירונג איז באַ־פֿרידיקט געוואָרן.

ס'זיינען אָנגעקומען די לעצטע שעהן. אַלץ איז געווען פּלאַנמעסיק אויסגערעכנט און צוגעגרייט.

נאָך האַלבער נאַכט איז אין 14טן נומער געקומען דער קאַזיאָנער ראַבינער נעמזער אין דער באַגלייטונג פֿון געהילף־פּאָליצמייסטער. דעם פֿאַרמשפּטן האָט מען אַריינגעזעצט אין אַ פֿאַרמאַכטן וואָגן אונטער דער אויפֿזיכט פֿון פּריסטאַוו סניטקאָ און דריי פּאָליציאַנטן. פֿאָראויס איז געפֿאָרן דער געהילף־פּאָליצמייסטער און נאָך דער קאַרעטע זיינען געריטן 30 קאָזאַקן אונטער דער קאָמאַנדע פֿון אַן אָפֿיציר. אויך דער ראַבינער איז געווען אין דער פּראָצעסיע. אויפֿן וועג זיינען געווען אויסגעשטעלט

פּאַטרולן. אַחוץ דעם זיינען איבער דער שטאָט אַרומגעריטן פּאַטרולן אויף פערד.

אין דער קאַרעטע האָט דער פּאַרמשפּעטער געפרעגט דעם פּריסטאַוו וואוהין מ׳פירט אים.—צום וואָקזאַל, איז געווען דער ענטפער. שפּעטער האָט לעקערט דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך דערקענט, אַז די גאַסן פירן נישט צום וואָקזאַל און געזאָגט: „איר פירט מיך צום מיליטערישן פעלד״. — דאָס וואָלט געווען אַ צו גרויסער כבוד, איז געקומען דעם פּריסטאַווס ענטפער. ווען מ׳איז אַריבערגעפאָרן די בריק איבערן טייך קיין שניפּישאָק און ס׳איז שוין געווען קלאָר וואוהין דער וועג פירט, האָט לעקערט געזאָגט: „פאַרוואָס האָט איר מיך אָפּגענאַרט...״ מיט ציניזם האָט שוין דעמאָלט סניטקאָ געענטפערט: — נו, געוויס, מ׳וועט אויפ־הענגען . . .

אויפן מיליטערישן פעלד איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקע באַוועגונג, ווי צו אַ גרויסן פּאַראַד. דאָס מיליטער פון גאַרניזאָן האָט אַהין מאַרשירט. עטלעכע באַטאַליאָן פּיעכאָטע (בערך 2 טויזנט מאַן) האָבן זיך אויסגעשטעלט אויפן פעלד אין אַ פיר־עק; איין טייל איז געשטאַנען מיטן פּנים צום פעלד און דער צווייטער טייל אויסגעדרייט מיטן רוקן. יעדער זעלנער האָט באַקומען 15 קוילן. די אָפיצירן האָבן געהאַט אַ באַפעל צו האַלטן רעדעס פאַר די זעלנער און זיי אויפקלערן וואָס עס קומט דאָ פאָר.

1 אַזייגער ביינאַכט האָבן פּאָליציאַנטן, איבערגעטאָן אין ציווילע בגדים, אויף אַ פור פון פייערלעשער געבראַכט אַ תליה. מיט דער הילף פון אַ גרופּע זעלנער האָבן זיי די תליה אַוועקגעשטעלט און אויסגעגראָבן אַ קבר. זיי האָבן געהאַט נאָך איין העלפער. פון טורמע האָט מען גע־בראַכט אַ שווערן פאַרברעכער, אַ קאַטאָרזשניק. זיין נאָמען איז געווען אַלעקסאַנדער פיליפיעוו—דער תליון. מ׳האָט אים ספּעציעל איבערגע־פירט פון פּעטערבורג, וואו ער האָט פריער אויסגעפירט אַ טויט־אורטייל. אַרום דער תליה זיינען געווען פאַרזאַמלט פאָרשטייער פון דער מאַכט, דער פּראָקוראָר און אַ דאָקטאָר.

די קאַרעטע איז אָנגעקומען אויפן פּלאַץ. לעקערט איז אַרויס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און איז מוטיק געגאַנגען צום אָרט פון דער תליה. דערביי האָט אים איינער פון קאָנוואָי געהאַלטן ביי דער אַרעסטאַנטסקער קורטקע.

די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעהויבן. ראַבינער נעמזער האָט זי געעפנט מיט אַ רעדע צום פאַרמשפּטן: „איר האָט געטאָן אַ גרויס פאַר־ברעך. איר האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט אויף אַ דינער פון גאָט־געז־זאַלבטן צאַר, אויפן גובערנאַטאָר פאָן וואַל. דאָס איז אַ שרעקלעכע זינד. מיט דעם האָט איר עובר געווען אויף גאָטס געבאָט פון לא תרצח".
ראַבינער נעמזער האָט דעם פאַרמשפּטן געהייסן תשובה טאָן. אויב ער וועט אַרויסגעבן זיינע מיטהעלפער, וועט ער אויסקויפן די זינד און וועט זיין ראוי אַריינצוקומען אין גן־עדן.

לעקערט האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן און געזאָגט: „כ׳ווייס, אַז כ׳קען אַריין אין גן־עדן".

נעמזער איז געוואָרן אין כעס און אויסגעשריגן: „אויב איר וועט זיין חוצפּהדיק, וועל איך גאָרנישט זאָגן".

„פאַרוואָס־זשע רעדט איר" — האָט אים לעקערט שאַרף דערווידערט.

דער ראַבינער איז ווייכער געוואָרן און געפּרואווט אויפווייזן, אַז פאַרן טויט דאַרף מען זיך מתוודה זיין און תשובה טאָן.

„איך נויטיק זיך נישט אין קיין ווידוי" — האָט לעקערט אים איבער־געריסן. איר גייט דאָך דאָ עובר זיין אויף דעם געבאָט פון לא תרצח.

די רייד צווישן פאַרמשפּטן און דעם ראַבינער זיינען געוואָרן אַלץ ביטערער און לסוף האָט לעקערט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ און מער נישט געוואָלט הערן. זיינע אויגן האָט ער געווענדט צום פּלאַץ און געזען וואָס עס קומט דאָרטן פאָר. דער ראַבינער האָט נאָך גערעדט און געזאָגט תפילות אַ 10 מינוט. נאָך דעם האָט ער געזאָגט צו דער נאַ־טשאַלסטווע: „כ׳האָב דאָס מייניקע געטאָן, ס׳האָט נישט קיין צוועק ווייטער צו ריידן".

מ׳האָט געלייענט דעם אורטייל פון מיליטערישן געריכט. אויך צו דעם האָט לעקערט זיך שוין נישט צוגעהערט, נאָר אַלץ געקוקט פאַראויס פאַר זיך. ער איז געשטאַנען גלייך, אָנגעטאָן אין אַן אַרעסטאַנטסקער אוניפאָרם — הויזן, אַ קורטקע און אַ היטל.

נאָכן איבערלייענען דעם אורטייל איז דער תליון פּיליפּיעוו, אָנ־געטאָן אין אַ בלוט־רויט העמדל צוגעגאַנגען צו הירש לעקערט. ער האָט אים געבונדן די הענט. דערביי האָט ער אים אַזוי שטאַרק פאַרצויגן דעם

שטריקל, אַז ביי זיין קרבן אויפן פנים האָט זיך אַזש באַוויזן אַ גרימאַסע פון ווייטיק. באַלד נאָך דעם האָט ער אים אַרויפגעפירט אויף דער תליה. הירש לעקערט איז געגאַנגען מיט זיכערע טריט ביי דער זייט פון צאַרס תליון.

די עקזעקוציע האָט זיך אָנגעהויבן. דער תליון האָט פאַרוואָרפן די פעטליע אויף לעקערטס קאָפּ. זי האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער נאָז. מיט אַן ענערגישן טרייסל האָט הירשקע אַראָפּגעפירט די פעטליע צום האַלז. מיט אַ ווילדער רציחה האָט דער תליון אָפּגערגענומען דאָס בענקל פון אונטער די פיס. הירשקע איז געבליבן הענגען...

דער טויט איז געקומען מאָמענטאַל. געשען איז דאָס 2 מיט 10 מינוט נאָך האַלבער נאַכט. לויט דער פאַראָרדנונג פון דאָקטאָר האָט מען דעם קערפּער געלאָזט הענגען 20 מינוט. אַראָפּגענומען פון דער תליה האָט מען אים 2 מיט 30 מינוט. נאָך דעם, ווי דער דאָקטאָר האָט אָפיציעל פעסטגעשטעלט דעם טויט, האָט מען דעם גוף אַריינגעלייגט אין קבר און פאַרשיט. דער קבר איז אויסגעגלייכט געוואָרן מיט דער ערד, ס׳זאָל קיין סימן נישט בלייבן. ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון אין טאָג פון 10טן יוני 1902 (28 מאַי פון אַלטן סטיל).

אויף די זעלנער האָט די עקזעקוציע געווירקט דערשיטערנדיק. אַ סך זיינען געשטאַנען מיט בלאַסע געזיכטער און ברייט צעעפנטע אויגן. איי־נער פון זיי האָט אַפילו געחלשט און מ׳האָט אים אַוועקגעטראָגן אין אַ זייט.

מ׳האָט פון פריער צוגעגרייט תכריכים, אָבער דער תליון האָט זיי צוגענומען פאַר זיך. דערביי האָט ער געזאָגט צו אַ פּריסטאַוו: דער יידל איז עס נישט ווערט. דער תליון האָט זיך אַוועקגעזעצט און אויסגעטרונקען אַ פלעשל בראָנפן.

די תליה האָט מען באַלד צענומען, אַוועקגעפירט צום טייך ווילייע און פאַרברענט. די פּאָליציי איז אַוועק אין אַ רעסטאָראַן און דאָרטן פאַר־ענדיקט מיט טרינקען בראָנפן [30].

⁂

קיינער פון די מיטהעלפער פון לעקערטס אַקט איז נישט געכאַפּט געוואָרן. ווער ס׳האָט דירעקט און אומדירעקט צוגעהאָלפן ביים צוגרייטן

און אויספירן דעם אַטענטאַט, איז געבליבן אַ סוד, וואָס בלויז געציילטע מענטשן האָבן אים געוואוסט און שטרענג אָפּגעהיטן. מחמת דעם האָט מען שפּעטער שוין נישט געקענט צונויפשטעלן אַ פולע רשימה פון אַלע דירעקט און אומדירעקט מיטבאַטייליקטע. וועגן אייניקע זיינען פאַראַן ידיעות.

די וויכטיקסטע פון דער גרופּע, צו וועלכער ס'האָבן אַגב געהערט אייניקע מיטגלידער פון דער אָפּיציעלער קאַמף־דרוזשינע פון דער בונדישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, זיינען געווען: הירש לעקערט, פּייוועקע דער שלאָסער, מילנער און יודל דער גראַווירער.

פּייוועקע דעם שלאָסער האָט מען גוט געקענט אין דער אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען אַן ערנסטער און באַוואוסטזיניקער אַרבעטער. איז געווען אַקטיוו און זיך אויסגעצייכנט אַלס רעדנער. ווי מ'האָט איבערגעגעבן, איז ער צוזאַמען מיט לעקערטן געווען ביים צירק בעתן אַטענטאַט. (לויט לעוויטן קומט אויס, אַז דער צווייטער איז גאָר געווען דער פּוילישער גאַרבער).

מילנער איז געווען אַ קרעפּטיקער, ענערגישער בחור פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר. ער האָט געשטאַמט פון ליטווישן שטעטל קאַידאַן. דאָרטן האָט ער געאַרבעט אין אַ מיל אַלס אַרבעטער און דערפאַר האָט מען אים גערופן — מילנער. זיין אמתער נאָמען איז געווען בן־ציון שלום פרידלאַנד. אין ווילנע איז ער געווען באַשעפטיקט אַלס שוואַרצאַרבעטער אין אַ דרוקעריי. געברענגט האָט אים אין אַ קרייזל פון דער אָרגאַניזאַציע יודל לעוויט, דעמאָלט אַ גראַווירער. פרידלאַנד איז געווען אַ געטרייער סאָציאַליסט. פאַרשיידענע פראַגן האָבן אים געמאַטערט און ער האָט אויף זיי געזוכט אַן ענטפער. אין סאָציאַליזם האָט ער געזען די פאַרווירקלעכונג פון העכסטן יושר. ער האָט אָנטיילגענומען אין דער 1טער מאַי דעמאָנסטראַציע. ווען מ'האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן ענטפערן אויף די שמיץ, האָט ער באַלד געהאַלטן, אַז דער איינציקער אופן פון רעאַגירן איז נעמען נקמה. „אַן דעם וועל איך ניט קענען לעבן", פלעגט ער זאָגן צו זיינע נאָענטע חברים. אים האָט מען אַרעסטירט אַ פּאָר טעג נאָך דעם אַטענטאַט אויף פאָן וואַלן. ער איז אָפּגעזעסן 8 חדשים און מען האָט אים אַרויסגעלאָזט.



וועלוועל שאַץ

אַ פאָן-טרעגער אויף דער דעמאָנסטראַציע 1902

יודל לעוויט אַ גרינדער פון דער נקמה-גרופּע

פּסח קאָזלאָווסקי — לעקערטס אַ וועג-ווייזער



נ ח

געשריבן די אויפרופן פון צ. ק. פון „בונד" וועגן די ווילנער געשעענישן

מאָיסיי גורעוויטש

איינפלוסרייכסטער מיטגליד פון ווילנער בונדישן קאָמיטעט אין 1902

יודל לעוויט האָט אָנטייל גענומען אין אָרגאַניזירן און געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער גרופּע, וואָס האָט אויסגעפירט דעם אַטענטאַט. דעמאָלט געווען אַ גראַווירער. שפּעטער אַ מאַשין־זעצער. צווישןביידע וועלט־מלחמות געאַרבעט אין וואַרשע אין דער בונדישער צייטונג „לעבענס־פראַגען" און נאָך דעם אין „נאַש פשעגלאָנד" — אַ יידישע צייטונג אין דער פּוילישער שפּראַך. אין יוני 1901 אַרעסטירט געוואָרן אין ווילנע. נאָכן נעמען אים אויף אַ פאַרהער קיין מאָסקווע — באַפרייט. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַ מיטגליד פון בונדישן קאָלעקטיוו אין וואַרשע — אַ ברייטערע אָנפירנדיקע קערפּערשאַפט פון דער פּאָליטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. ער איז אויך געווען טעטיק אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די יידישע דרוקער־אַרבעטער. אומגעקומען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פון די צוויי פּוילישע אַרבעטער, וואָס הירש לעקערט האָט אַריינגענומען אין דער גרופּע, איז איינער געווען דער גאַרבער מיכאַלאָווסקי. אים האָט מען אויך אַרעסטירט נאָכן אַטענטאַט און מ׳האָט אים אַריינגעזעצט צווישן די קרימינעלע אַרעסטאַנטן. באַשולדיקט האָט מען אים גאָר אין הרגענען אַ פּאָליציאַנט. און די מעשה פון דעם איז געווען אַזאַ: נאָך דעם ווי הירש לעקערט איז אומגעברענגט געוואָרן אויף דער תליה, איז ער איינמאָל אַהיימגעגאַנגען. ער איז געווען אין אַ געדריקטער שטימונג. ער האָט צו זיך אַליין כסדר גערעדט: הירשקע איז טויט און פאַן וואָל לעבט... פּלוצלונג דערזעט ער שטיין אַ ריזיקן, רויטן, אָנגעגאָסענעם גאָראָדאָוואָי. געווען איז דאָס 1 ביינאַכט אויף לוקישקעס. קיינער אַרום איז נישטאָ. ער און דער ריזיקער גאָראָדאָוואָי. און ניכטער איז ער אויך נישט געווען. האָט מיכאַלאָווסקי אַרויסגעכאַפּט אַ קינזשאַל און כהרף־עין איז דער גאָראָדאָוואָי אַנידערגעפאַלן, ווי אַן אונטערגעהאַקטער דעמב. (ער איז געבליבן ליגן אַ שווער־פאַרוואונדעטער און שפּעטער געשטאָרבן). ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אַ זעלנער. ער האָט געוואָלט פאַרהאַלטן מיכאַלאָווסקין, דער לעצטער האָט זיך אַרויסגעריסן, איז אַוועק אַהיים און זיך געלייגט שלאָפן. דער זעלנער האָט אָנגעוויזן דער פּאָליציי ווער דער אָנפאַלער איז געווען און מ׳האָט אים אַרעסטירט. אויפן פּראָצעס האָט די באַלעבאָסטע עדות געזאָגט, אַז מי־

כאַלאָווסקי האָט דעמאָלט זיך געפילט נישט גוט און איז יענעם גאַנצן אָוונט געלעגן אין בעט. דער אַדוואָקאַט ווידער האָט באַוויזן, אַז אַזאַ דאַרער, בלאַסער און שוואַכער ווי מיכאַלאָווסקי, איז גאָר נישט בכוח צו דערהרגענען אַזאַ ריז. אויף דעם סמך האָט דאָס געריכט אַרויסגע־טראָגן אַ באַפרייאונגס־אורטייל. מיכאַלאָווסקי איז ווייטער געווען אַק־טיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און איז אויך שפּעטער געווען אַרעס־טירט.

צו דער גרופּע זאָל האָבן געהערט זלמן דער האַלץ־פאַבריקאַנטשיק. ער איז דעמאָלט געווען אַן אַקטיווער טוער אין „בונד" און אין אייניקע קליינע פאַכן [31]. ס'איז אויך אַנגערופן געוואָרן דער נאָמען הירש מי־לעיקאָווסקי, אַ סטאָליער, וועלכער האָט געשטאַמט פון קרעמענטשוג. באַקענט זאָל ער זיך האָבן מיט לעקערטן אין יעקאַטערינאָסלאַוו און איז צוזאַמען מיט אים געקומען קיין ווילנע אין אַפּריל 1902 [32].

צוגעהאָלפן דער גרופּע האָט דער פאַרמאַצעווט יעקב סובאָטניק (געשטאָרבן אין כאַרבין אין 1920). ער איז געווען איינער פון די אָנפירער פון דער דעמאָנסטראַציע אין טעאַטער, וואו מ'האָט אים אַרעסטירט. מיט אַ צען טעג שפּעטער האָט מען אים באַפרייט. ער האָט זיך דעמאָלט געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער לעקערט־גרופּע. צווישן אַנדערן האָט ער צוגעשטעלט גיפט אויף אָפּצוסמען די קוילן, אָבער קיין פּעולה האָט דאָס נישט געהאַט, ווייל מ'האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי געהעריק דאָס צו מאַכן.

נישט געקוקט אויף אַלע אירע שטאַרקע באַמיאונגען, האָט די צאַרישע מאַכט נישט באַוויזן געוואָר צו ווערן ווער עס זיינען לעקערטס מיט־העלפער. ס'וואָלט אָבער געווען געפערלעך, אַז זיי זאָלן זיך אַרומדרייען איבער די ווילנער גאַסן. מחמת דעם האָט דער ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" די מיטגלידער פון דער גרופּע באַזאָרגט מיט געלט און מעגלעכ־קייטן עוקר צו זיין.

דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון דער גרופּע איז געווען וואָס ווייטער האָט מען ווילנער אַרבעטער שוין נישט באַשטראָפט מיט שמיץ.

***

ס'איז געווען נאָך איין פאַל פון געבן יידישע רעוואָלוציאָנערן לייב־שטראָף — אין מינסק, אַ קורצע צייט נאָך דער מעשה־נורא אין ווילנע.

דעם 19טן מאַי 1902 איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע אין שטאָטישן טעאַטער. ס'איז דעמאָלט געווען אַ פייערונג לכבוד דעם געבורטס־טאָג פון צאַר (6 מאַי, אַלטער סטיל). דער כאָר האָט געזונגען „באָזשע צאַריאַ כראַני". פּלוצלונג האָט זיך פון דער גאַלעריע דערהערט אַ מוראדיקע סוויסטשעריי פון בלייערנע פייפלעך. דער כאָר האָט נישט אויפגעהערט צו זינגען און די פייפלעך — צו סווישטשען. דאָס האָט געדויערט אַ 10 מינוט. אין דער זעלבער צייט האָט מען פון דער גאַלעריע אַ שאָט געטאָן געדרוקטע פּראָקלאַמאַציעס אויף רוסיש: "צו דער גאַנצער געזעלשאַפט", וואָס דער מינסקער קאָמיטעט פון „בונד" האָט ספּעציעל צו דער געלעגנהייט אַרויסגעגעבן. מען האָט אַרעסטירט די גאַנצע גאַלעריע (אַ מאַן 150), צעטיילט זיי אין 5 גרופּעס און פאַנאַנדערגעפירט אין די פּאָליציי־צירקלען. אין איינעם פון די צירקלען האָט מען די אַרעסטירטע געשמיסן.

פּאָרגעקומען איז דאָס אויף פאָלגנדיקן אופן: אין דעם 1טן צירקל האָט מען די אַרעסטירטע איינציקווייז גערופן אין קאַנצעלאַריע אויף אַ פאַרהער. מ'האָט געהייסן זיך מודה זיין און אַרויסגעבן אַנדערע. קיינער האָט עס נישט געטאָן, כאָטש מ'האָט געדראָט מיט שמיץ. נאָכן אויספרעגן האָט מען יעדן אַריינגעפירט אין אַ צווייטן צימער. דאָרטן האָט שוין געוואַרט אַ גאַנצע כאָפּטע פּאָליציאַנטן. קודם האָט מען דערלאַנגט קלעפּ און אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד. עטלעכע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויפן קאָפּ און אויף די פיס און מ'האָט דעם קרבן געשמיסן. פון דער דאָזיקער עקזעקוציע האָבן געליטן 12 מענטשן. זיי האָבן באַקומען פון 5 ביז 40 שמיץ. אין די אַנדערע צירקלען איז מען אָפּגעקומען בלויז מיט קלעפּ אָדער מען האָט בכלל נישט געשלאָגן. די דעמאָנסטראַנטן זיינען אָפּגעזעסן 3 חדשים אַרעסט.

אין שייכות מיט דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע האָט דער מינסקער רב אַרויסגעגעבן אַ קול־קורא און אים אויסגעהאָנגען אין די בתי־תפילות

— אַ קול־קורא, וואָס האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט פון שפּלות און קריכערישקייט. אָט איז זיין אינהאַלט:

„כל שומע תצילנה שתי אזניו!

„עס שווידערט די לייב הערנדיק די שרעקלעכע געשיכטע, וואָס איז געווען אין טעאַטער! ווי קומען מיר, יידן, וואָס זיינען געגליכן צו איין ווערעמל — תולעת יעקב — קריכן אין אַזעלכע זאַכן! ווי קומען מיר, וואָס על פּי הדעת זעל פּי השכל זיינען מחויב תמיד מתפּלל זיין בשלומה של מלכות, און ווען ניט זי וואָלט מען אונז שוין לאַנג איינגעשלונגען לעבעדיקערהייט, אַריינגיין אין אַזעלכע הויכע דרכים און זיך מישן אין פּאָליטיקע! אָ, זעט זיך אַרום, יידישע קינדער! באַטראַכט גוט, וואָס איר טוט! גאָט ווייס, צו וואָס איר קענט ברענגען אונזער אומגליקלעכע נאַציע, זיך אַליין און אייערע סעמעיסטוועס! מיט איין זאַך פּלעגט אונזער יידישע אומה שטאָלצירן — אַז עס איז ניטאָ ביי איר קיין מורדים במלכות... און יעצט ווילט איר אַרונטערנעמען די מעלה אויך. מיר האָפן, דאָס איר וועט דאָס אַלץ גוט באַקלערן און איר וועט ניט וועלן ריזיקירן מיט דעם גליק פון אונזער גאַנצער נאַציע, מיט אייערן אייגענעם שיקזאַל און מיט דעם שיקזאַל פון אייערע עלטערן און פון אייערע סעמעיסטוועס. ולהשומע יונעם!"

אייניקע פאַלן פון שמייסן אַרבעטער זיינען אין יענער צייט אויך פאָרגעקומען טיפער אין רוסלאַנד, וואו קיין יידישע באַפעלקערונג איז נישט געווען. צווישן אַנדערע האָט מען אין 1902 בעת אַן עקאָנאָמישן קאָנפליקט געשמיסן 35 אַרבעטער אין וויאַטקער גובערניע.

5. דער רושם

ווי אַזוי האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג רעאַגירט אויף לעקערטס טאַט? וואָסערע אויספירן האָט זי געמאַכט?

מיר האָבן שוין פריער איבערגעגעבן וועגן די חלוקי־דעות אין „בונד". אונטער דעם אוממיטלבאַרן רושם פון אַטענטאַט, האָבן אַלע אין „בונד" אים אַקצעפּטירט, ווי אַ ווירדיקן ענטפער אויף דער שענדלעכער באַליידיקונג און דערנידערונג. הירש לעקערט איז אַריינגעפירט געוואָרן אין פאַנטעאָן פון די העלדן און מאַרטירער. ווי אַ ווירדיקן ענטפער האָבן אַלע אָנגענומען לעקערטס טאַט, אָבער צי אויך ווי אַ צוועקמעסיקן ענטפער? — דאָ זיינען די חלוקי־דעות ווייטער געבליבן און אפילו זיך פאַרשאַרפט.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט דערקלערט פאַר דער עפנטלעכקייט: „דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט אַרויסגערוקט פון זיינע רייען אַ נקמה־נעמער פאַר זיין באַליידיקטן כבוד. מיט דעם האָט ער באַוויזן, ווי הויך ביי אים איז אַנטוויקלט דאָס געפיל פון מענטשלעכער ווירדע, כבוד און רום דעם נקמה־נעמער, וועלכער האָט זיך געברענגט אַ קרבן פאַר זיינע ברידער".

די מיינונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין דעם, וואָס עס האָט געזאָגט זיין אונטערערדישע צייטונג: „דער שאָס פון אונזער חבר הירש לעקערט האָט באַוויזן דער וועלט, ווי אויסגעוואַקסן אין מאַראַלישן זין זיינען די קעמפנדיקע יידישע אַרבעטער, ווי גרייט און פעאיק זיי זיינען צו באַשיצן זייער מענטשלעכע ווירדע"... „אין דער צייט, ווען אַלע שטאַנדן פון אונזער פאָלק, אויסער קליינע אויסנאַמען, זיינע יעדע מינוט פאַרטיק אויף די קני צו פאַלן און

לעקן די פויסט, וואָס שלאָגט זיי, האָבן יידישע אַרבעטער מיט בלוט געענטפערט זייער שענדלעכן באַליידיקער. און אַנדערש האָט דאָס נישט געקענט זיין. נאָר אַ שקלאַף טראָגט אַריבער גלייכגילטיק די דערנידע־רונג פון זייער ערע. די יידישע אַרבעטער זיינען אָבער נישט קיין שקלאַפן און דאָס וועלן זיי אָן צווייפל שטענדיק באַווייזן. מיט גוואַלט דאַרפן מיר ענטפערן אויף אַזוינע טאַטן ווי שמיץ, נאָר מיר דאַרפן זיך מיט דעם נישט באַגנוגענען״ [33].

דאָס איז געווען פולשטענדיק אין איינקלאַנג מיט די געדאַנקען און געפילן, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין אויפרוף פון צ. ק. וועגן דער ווילנער שינדעריי, וואו עס איז שוין גערעדט געוואָרן, אַז עס וועט קומען אַ נקמה־נעמער. מער כאַראַקטעריסטיש איז דערפאַר דער אויפרוף פון ווילנער קאָמיטעט פון „בונד״, וואו די מערהייט האָט אָפּ־געוואָרפן דעם פאָרשלאַג אַליין צו אָרגאַניזירן דעם אַטענטאַט. מיר לייענען דאָרטן:

פאַן וואַל „האָט זיך אַנטשלאָסן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט צו געבן באַוואוסטזיניקע אידייאישע קעמפער די שענדלעכסטע פון אַלע עקזיסטירנדיקע שטראָפן. די דאָזיקע עקלהאַפטע און אַכזריותדיקע רציחה האָט נישט געקענט אַדורכגיין אָן נקמה! און אָט האָט זיך געפונען אַ פורכטבאַרער נקמה־נעמער! מיר זיינען שטאָלץ מיטן יידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס ער האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַ מענטש, וועלכער האָט טיף געפילט די באַליידיקונגען פון זיינע נאָענטסטע און זיי געהאַלטן פאַר אייגענע. מיר זיינען פול מיט פרייד, וואָס אין פאַן וואַלן האָט געשאָסן אַן אַרבעטער אַ ייד, ווייל דאָס ווייזט, אַז אין די טיפענישן פון יידישן פראָלעטאַריאַט זיינען פאָרגעקומען גרינטלעכע ענדערונגען. ער איז שוין נישט מער דער דערשלאָגענער און דער דערשראָקענער. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און איז אויסגעוואַקסן מוראדיק און שטאַרק! ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקן און שטאָלצן קעמפער, וואָס דערוואָרט דרייסט זיין רעכט און קעמפט פאַרביסן פאַר זיין פרייהייט, כבוד און זעלבסט־ווירדע. מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האַלטן נישט פון טע־ראָר ווי אַ קאַמף־מיטל, באַטייליקן זיך אין דער אַלגעמיינער גרויסער פרייד און באַגריסן דעם נאַטירלעכסטן און באַרעכטיקסטן נקמה־אַקט

פאַר דעם באַרבאַרישן צעטרעטן די מענטשלעכע רעכט. כבוד דיר, אומ־דערשראָקענער און מסירת־נפשדיקער קעמפער! כבוד און רום דיין העלדישקייט!"

אויך אין אַ בראָשור, וואָס דער ווילנער קאָמיטעט פון "בונד" האָט אַרויסגעגעבן אין יולי 1902 אומלעגאַל אין רוסלאַנד און איז געווען אָנגעשריבן פון קאָמיטעט־מיטגליד מאָיסיי גורעוויטש, ווערט געזאָגט וועגן לעקערטן: "ער איז געווען דער, וועלכער האָט דערפילט אונזער אַלגעמיינעם פאַרלאַנג. וועגן וואָס פיל פון אונז האָבן געוואָגט בלויז צו טראַכטן, דאָס האָט ער מקיים געווען" [34].

אין אַ געמיינזאַמען אויפרוף פון די דריי ווילנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס — "בונד", סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע, ליטווישע ס. ד. — איז דערקלערט געוואָרן: "אונז ווען ניש אָפּשרעקן די תליות און די שמיץ, ווי ס'האָבן אונז ביז־איצט נישט געשראָקן די תפיסות און סיביר"... "זאָל אונז באַגייסטערן דער ביישפּיל פון חבר לעקערט! זאָל פאַר אונז הייליק זיין דער אָנדענק פונם יידן־אַרבעטער, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבן פאַר דער אַלגעמיינער זאַך!"

אָנערקענענדיק די נויטווענדיקייט אין אויסנאַם־פאַלן אויסצופירן אַטענטאַטן, האָבן אָבער די אָנהענגער פון דער דאָזיקער טאַקטיק זיך באַוואָרנט קעגן אָנווענדן טעראָר אַלס פּאָליטישן קאַמף־מיטל. דעם שטאַנדפּונקט האָט דער בונדישער אונטערערדישער אָרגאַן אַזוי פאָרמולירט און באַגרינדעט: "נאָר אַ מעכטיקע קלאַסן־און פּאָליטיש־באַוואוסטע מאַסן־באַוועגונג איז אימשטאַנד צו באַפרייען אונזער לאַנד פון דער צאַרישער זעלבסטהערשונג"... "ס'איז אוממעגלעך אין איין און דער זעלבער צייט צו פירן אַ טעראָריסטישע טעטיקייט און אַ ברייטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט — פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע — צווישן דער אַרבעטער־מאַסע"... "אמת, עס טרעפן זיך מאָמענטן, ווען ס'איז אוממעגלעך צו באַגנוגענען זיך מיט בלויז אַ 'פרידלעכער' טעטיקייט — אין בוכשטעבלעכן זינען. ווען די ווילדע צאַרישע דינער רייסן און ברעכן אַלץ, וואָס זיי טרעפן אויף זייער וועג, ווען די ווילקיר און גוואַלט האָט נישט קיין מאָס און קיין גרענעץ, — דאַן איז מעגלעך נאָר איין ענטפער —

גוואַלט, אָבער ענטפערן מיט גוואַלט אויף גוואַלט — איז נישט טעראָר. ווען די ווירדע פון אַ רעוואָלוציאָנער ווערט געטרעטן מיט די פיס, ווען מען הויבט אָן אָנצוזאווענדן קעגן אונז אַזעלכע שענדלעכע מיטלען, דורך וועלכע מען וויל דערשטיקן אין אונז אונזער ׳איך׳, אונזערע מענטשלעכע געפילן און מענטשלעכע ווירדע, דאַן איז מעגלעך נאָר איין ענטפער — ראַכע, נקמה. נאָר ראַכע איז נישט טעראָר. אונטערן וואָרט ׳טעראָר׳ פאַר־שטייען מיר פּאָליטישע מאָרדן (הריגות) אַלס אַ טאַקטיק, אַלס אַ קאַמף־מיטל קעגן דער זעלבסטהערשונג. קעגן אַזאַ טאַקטיק ווילן מיר קעמפן מיט אַלע אונזערע קרעפטן״ [35].

דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט פון נקמה־אַקטן — יאָ און טעראָר — נישט איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרן דורך אַן אָפיציעלער פּאַרטיי־קערפּערשאַפט. אין אויגוסט 1902 איז אין בערדיטשעוו אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן די 5טע קאָנפערענץ פון „בונד״. די קאָנפערענץ, וואָס האָט צוליב אַ צופעליקער רעוויזיע, זיך געמוזט איבערטראָגן פון שטאָט אין וואַלד אַריין, האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער די פריער־דערמאָנטע שטעלונג איז פאָרמולירט געוואָרן. די רעזאָלוציע האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער נייער קאַמף־מיטל פון דער רעגירונג, וואָס האָט פאַר אַ ציל צו „דערנידעריקן די מענטשלעכע פּערזאָן פון די רעוואָלוציאָנערן״, האָט „זיך שוין אויסגעדריקט אין דעם, וואָס אין ווילנע, מינסק, יעקאַטערינאָ־סלאַוו און אַנדערע שטעט האָט מען אָנגעווענדט לייב־שטראָף קעגן די דע־מאָנסטראַנטן״... מיט וואָסערע פּראָטעסט־פאָרמען מ׳זאָל זיך נישט באַ־נוצן, „איז דאָס צו ווייניק. דער כבוד פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי פאָדערט נקמה פאַר דער דערנידערונג פון אירע מיטגלידער. ס׳וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז אַזאַ מין סאָרט נקמה האָט אַ וועל־כע נישט איז שייכות צו טעראָר. ווען די פּאַרטיי באַשטימט צו באַשטראָפן פּערזענלעך דעם אָדער יענעם צאַרישן דינער, מיינט זי נישט מיט דעם אָפּצושרעקן די רעגירונג אָדער בכלל צו באַנוצן דאָס אַלס מיטל צו דער־גרייכן אירע צילן. דער ציל פון אַזעלכע אַקטן איז נאָר: אָפּוואַשן דעם פלעק פון דער פּאַרטיי, נקמה־נעמען פאַר דער שענדלעכער באַליידיקונג. אַן אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וועלכע שטייט שטענדיק אויף אַ פעסטן פּרינציפּיעלן און טאַקטישן באָדן, וועט שטענדיק אימשטאַנד

זיין צו פאַרהיטן, אַז איינציקע פאַקטן פון נקמה זאָלן נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין סיסטעמאַטישן טעראָר. און טאַקע דערפאַר מוזן אַלע אַזעלכע אַקטן זיין אָרגאַניזירט פון דער פאַרטיי גופא"...

און דער אויספיר איז: „א) מ'דאַרף פירן אַ שטאַרקע מאַסן־אַגי־טאַציע פאַר דער נויטיקייט (אַליין) אַרויסצואווייזן אַ העכסט־ענערגישן ווידערשטאַנד אין די פאַלן, ווען אַ פערזאָן פון די אָנטיילנעמער אינם רעוואָלוציאָנערן קאַמף וועט ווערן דערנידעריקט. ב) אויף יעדן פאַל פון דערנידערונג דאַרף מען ענטפערן מיט אָרגאַניזירטע נקמה־אַקטן און פראָטעסטן"...

די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ גרויסער מערהייט. קעגן האָבן בלויז געשטימט די דעלעגאַטן פון וואַרשע און לאָדזש און איין דעלעגאַט פון ווילנע. דעלעגאַטן זיינען געווען פון וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק, גראָדנע, ריגע, ווילנע, מינסק, זשיטאָמיר און 3 פון צענטראַלן קאָמיטעט. דער ווילנער דעלעגאַט איז געווען מאָיסיי גורעוויטש, וועלכער איז אויף דער קאָנפערענץ שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דער רעזאָלוציע.

די זעלבע קאָנפערענץ האָט אויך באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ באַ־וואָפנטן ווידערשטאַנד דער פּאָליציי און מיליטער, וואָס באַפאַלן מיט געווער אין האַנט די אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס. די פראַגע איז געווען אַקטועל, ווייל די אָנפאַלן זיינען געוואָרן אַן אָפטע דערשיינונג. אויב אַן אָרגאַניזאַציע איז דאָס נישט בכוח צו טאָן, זאָל זי גלייכער קיין דעמאָנ־סטראַציע נישט מאַכן איידער לאָזן זי צעשלאָגן אָן אַ ווידערשטאַנד.

בייניש מיכאַלעוויטש, אַן אָנטיילנעמער פון דער בערדיטשעווער קאָנפערענץ, גיט־איבער, אַז ביים אָננעמען די רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַני־זירטער נקמה" „האָט פיל מיטגעווירקט דעמאָלט גאָזשאַנסקי־לנו, וואָס האָט זיך נישט לאַנג צוריקגעקערט פון סיביר. ער האָט מיט זיך פון דאָרטן מיטגעבראַכט פאַרבאָרגענע סימפּאַטיעס צו שאַרף־'ראַדיקאַלע' מעשים (לויט דער נייער 'טעאָריע' פון מאַכייסקי). ער האָט דעם עולם אָנגעשטעקט מיט זיין היציקן טעמפּעראַמענט" [36]).

אַ צווייטער אָנטיילנעמער פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ, בענציע לעווין, גיט פאָלגנדיקן מאָטיוו פאַרוואָס די רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַניזיר־טער נקמה" איז אָנגענומען געוואָרן: „די שטימונג ביי דעם גרעסטן טייל

אַנטיילנעמער איז געווען אַ קריגערישע. זיי זיינען נישט לאַנג געלאָפּן פון סיביר, וואוהין מען האָט זיי פאַרשיקט פאַר זייער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און זיינען געקומען מיט אַ שטאַרקן רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַ־מענט". זיי זיינען געווען אומצופרידן מיטן טעמפּ פון דער בונדישער אַרבעט. זיי האָבן אַרגומענטירט, אַז פּראָקלאַמאַציעס זיינען צו ווייניק, מען מוז וואָס אָפּטער אַרויספירן די מאַסן אין גאַסן־קאַמפּן. און שטאַר־קער פון אַלע האָט זיך געהיצט דער אַלטער ווילנער טוער גאָזשאַנסקי („דער לערער"). די מאַסן ווילן נקמה־אַקטן, האָט מען געטענהט. ווען יעדער וועט זיך כאַפּן דאָס צו טאָן, וועט עס אַרויסקומען פּאַרטאַטשנע און עס וועט בכלל אַריינברענגען אַן אַנאַרכיע און מ'וועט אויספירן אָנפאַלן אַפילו דעמאָלט, ווען ס'וועט נישט זיין נויטיק. דעריבער מוז עס טאָן די אָרגאַניזאַציע. „די פראַגע איז באַשלאָסן געוואָרן מיט אַ גרויסער מער־הייט שטימען. די איבערוועגנדיקע ראָל אין דער אָפּשטימונג האָבן גע־שפּילט די חברים, וואָס זיינען אָקאָרשט געלאָפּן פון סיביר, ביי וועמען דער ענטוזיאַזם און דורשט נאָך נקמה האָט איבערגעשטיגן די אַנטי־טעראָריסטישע פּרינציפּן, וועלכע זיינען געווען אַזוי פעסט איינגעוואָרצלט ביי די טוער פון 'בונד'" [37]).

קעגן דעם שטאַנדפּונקט פון דער בערדיטשעווער קאָנפערענץ און בכלל קעגן וועלכע נישט איז טעראָריסטישע אָפּנייגן איז שאַרף אַרויס־געטרעטן דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד". באַזונדערס אַקטיוו און אַנטשלאָסן איז געווען וולאַדימיר קאָסאָווסקי (דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז דעמאָלט באַשטאַנען פון פאָלגנדע מיטגלידער: אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, דזשאָן מילל, אברהם מוטניק און צמח קאָפּעלזאָן).

פאַר לעקערטס אַקט און זיין עקדה איז אויך דער אויסלענדישער קאָמיטעט געשטאַנען מיט געבויגענעם קאָפּ, אָבער ער האָט שאַרף גע־וואָרנט קעגן ווייטער גיין אויף אַזאַ וועג. ער האָט דאָס קלאָר געמאַכט אין זיינע פעריאָדישע אויסגאַבעס און אין די ספּעציעלע בראָשורן. וועגן אַטענטאַט איז געזאָגט געוואָרן:

„דאָס איז אַ משפּט פון געזעלשאַפטלעכן געוויסן איבער איינעם פון די סאַמע ווילדסטע צאַרישע סאַטראַפּן, אַ משפּט, וואָס איז אומפאַרמייד־

לעך און נישט צום אָפּווענדן אין קעניגרייך פון פּאָליציייִאישער רציחה. דאָרטן וואו יעדן טאָג ווערן אָפּגעטאָן גוואַלט־טאַטן, וואָס לאָזן זיך פּשוט נישט גלויבן, דאָרטן וואו די מענטשלעכע געפילן ווערן געטרעטן מיט די פיס, דאַרף מען זיך נישט וואונדערן, אַז מענטשן כאַפּן זיך פאַרן רעוואָל־ווער, ווענדן זיך צו פּערזענלעכער נקמה, כדי איינצושטילן די אויפגע־רעגטע מענטשלעכע געפילן. מ׳קען טראַכטן, אַז די מערדער־באַנדע, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן רעגירונג, רייצט אומישנע די רעוואָ־לוציאָנערן מיט שענדלעכסטע גוואַלט־טאַטן, כדי צו שטויסן זיי אויפן וועג פון סיסטעמאַטישן טעראָר און מיט גוואַלט אָפּרייסן זיי פון דער אַרבעטער־מאַסן־באַוועגונג און אויף אַזאַ אופן אַראָפּדריקן די דאָזיקע מאַסן־באַוועגונג אויף אַ נידעריקער שטופע". אָבער זי מאַכט אַ טעות. „אויב מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטן ווייסן, אַז אין אַזאַ פאַל, ווי די שינדעריי אין ווילנע, איז דער רעוואָלווער דער איינציקער מיטל צו מאַכן לייכטער די ערשטע אומדערטרעגלעכע ליידן פון דעם פאַרוואונדעטן געזעלשאַפט־לעכן געוויסן, כדי מענטשן זאָלן זיך נישט דערשטיקן אונטער דעם דרוק פון עמפּערונג, ווייסן מיר אָבער אויך, אַז צום קאַמף מיטן צאַריזם אַלס אַ סיסטעם דאַרף מען אַנדערע מיטלען און די דאָזיקע מיטלען האָבן מיר ביי זיך אין די הענט, מיטלען וואָס להיפוך צום רעוואָלווער, קינזשאַל אָדער דינאַמיט פירן אומפאַרמיידלעך צום ציל".

גלייכצייטיק ווערט אויך שאַרף געטאַדלט די האַלטונג פון דער יידישער געזעלשאַפט: „אונזער יידישע געזעלשאַפט — לייענען מיר ווייטער — איז אויך אַ רעכט ביסל פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שינדעריי אין ווילנע. ביז אַהער איז זי געשטאַנען פון דער זייט און גלייכגילטיק צוגעקוקט זיך, ווי פאַר איר וויקלט זיך פאַנאַנדער די רעוואָלוציאָנערע טראַגעדיע, אָדער זי האָט זיך פאַרהאַלטן פיינטלעך צו דעם פרייהייטס־קאַמף פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. מיט איר קנעכטישער אונטער־טעניקייט, מיט איר קריכן אויף די הענט און פיס פאַר דער מאַכט האָט זי פאַנאַנדערגעבונדן די הענט די צאַרישע סאַטראַפּן און געגעבן זיי מוט צו די ווילדסטע גוואַלט־טאַטן"... „מעגלעך, אַז די טראַגעדיע, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט אין ווילנע דעם 19טן אַפּריל (2טן מאַי), וועט אויסניכטערן די יידישע געזעלשאַפט. מעגלעך, אַז דער נאַטירלעכער

געפיל פון זעלבסטשוץ וועט איר צווינגען אויפצואוואַכן און צונויפגיסן איר שטים מיט דעם אַלגעמיינעם כאָר פון די, וואָס פּראָטעסטירן קעגן דער זעלבסטהערשונג" [38]).

וואָס ווייטער, אַלץ שאַרפער זיינען געוועז די אַרויסטריטן פון אויס־לענדישן קאָמיטעט קעגן מאַכן וועלכע נישט איז קאָנצעסיעס צום טע־ראָר. ווען ס'איז באַוואוסט געוואָרן דער באַשלוס פון דער 5טער קאָנ־פערענץ פון „בונד" וועגן אָרגאַניזירן נקמה־אַקטן, האָט דער אויסלענדי־שער קאָמיטעט אָנגעוויזן, אַז „די רעזאָלוציעס האָבן נישט קיין געזעצ־לעכע קראַפט" (אין „בונד" זיינען געווען קאָנפערענצן און צוזאַ־מענפאָרן — די ערשטע זיינען געווען באַראַטנדיקע צוזאַמענקונפטן, בעת די באַשלוסן פון די צווייטע זיינען געווען בינדנדיק פאַר דער פאַרטיי). דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט פאַרעפנטלעכט די רעזאָלוציע פון דער 5טער קאָנפערענץ און דערביי צוגעגעבן אַן אייגענע פּאָלעמישע דער־קלערונג, אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרן:

„די רעזאָלוציע וועגן דער 'דערנידערונגס־טאַקטיק' באַווייזט קלאָר, אַז אין איניקע קרייזן פון 'בונד' זעט זיך אָן, אויב נישט קיין טעראָריסטישע ריכטונג, דאָך לכל הפּחות אַ געוויסע נייגונג צו טעראָר", הגם די רעזאָלוציע לייקנט עס. „אין עצם איז נישטאָ קיין חילוק צווישן 'אָרגאַניזירטן טעראָר' און 'אָרגאַניזירטער ראַכע'. דער אונטערשייד פון די צילן, צוליב וועלכע די גוואַלט־טאַט איז געשען, ווייזט בלויז באַזונדערע שטופן אין דער אַנט־וויקלונג פון טעראָריסטישער טאַקטיק"... דער אויספיר איז: „1) אָרגאַ־ניזירטע ראַכע איז אַ געוויסע פאָרם פון אָרגאַניזירטן טעראָר; 2) אָרגאַ־ניזירטע ראַכע איז בלויז אַ געוויסע שטופע אין דער אַנטוויקלונג פון דער טעראָריסטישער טאַקטיק; 3) די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַריינגע־נומען אין איר פּראָגראַם אַ פּונקט פון אָרגאַניזירטער ראַכע, איז שוין מיט דעם אַליין אַרויפגעטרעטן אויפן וועג פון אָפּטיילן זיך פון דער מאַסן־באַוועגונג, איבער וועלכן זי מוז גיין אַלץ ווייטער, מיט גרעסערע אָדער קלענערע שטערונגען ביז פון איר וועט ווערן אַ ריין־טעראָריסטישע גרופּע..."

צווישן די אַרגומענטן, וואָס האָבן באַגרינדעט דעם דאָזיקן ריכטיקן געדאַנקען־גאַנג, איז אויך געווען איינער, וואָס איז שפּעטער מיט רעכט

שאַרף אָנגעגריפן געוואָרן סיי אין „בונד" גופא, סיי מחוץ אים. דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט אין זיין דערקלערונג אויך געזאָגט, אַז „די פּאַרטיי קען זיך נישט רעכענען באַליידיקט דורך דעם, וואָס אירע מיטגלי־דער האָט מען שענדלעך באַהאַנדלט. די פּאַרטיי איז נישט אַן איינפאַכע סומע פון דעם חיבור פון אַלע מיטגלידער, וועלכע גייען אין איר אַריין, נאָר אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזם, וואָס אַנטוויקלט זיך לויט זיינע אייגענע געזעצן און וואָס שטרעבט צו זיינע באַזונדערע צילן. דעריבער באַשטייט די ערע פון דער פּאַרטיי בלויז אין אַ שטרענגער אָפּהיטונג פון אירע פּרינציפּן און אין אַ שטענדיקער שטרעבונג צו דערפילן די אויפגאַבן, וואָס זי האָט זיך געשטעלט. די ערע פון אַ ניט־קערפּערלעכן אָרגאַניזם, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן, קען נישט באַשטיין אין דער זעלביקער זאַך, אין וועלכער עס באַשטייט די ערע פון אַ לעבעדיקער, פילנדיקער און ליידנדיקער פּערזאָן. דעריבער קען די ערע פון דער פּאַרטיי נישט שטעלן איר קיין פאָדערונג, אַז זי זאָל ראַכע נעמען פאַר דער באַליידיקונג פון אירע מיטגלידער. דאָס דאַרפן אַליין טאָן יענע מיטגלידער, וועלכע זיי־נען געוואָרן באַליידיקט"... „ענטפערנדיק אויף די גוואַלט־טאַטן פון דער רעגירונג, קען זיך די פּאַרטיי באַנוצן בלויז מיט אַזעלכע מיטלען, וואָס פּאַסן צו איר באַשטימונג — צו פירן דעם באַפרייאונגס־קאַמף פון פּראָ־לעטאַריאַט" [39]).

פאַר די אָנהענגער פון „אָרגאַניזירטער נקמה" אין די רייען פון „בונד" און פאַר די פּרעדיקער פון טעראָריסטישן קאַמף בכלל אין די רייען פון די „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן" איז ניט געווען שווער צו צע־קלאַפּן אָט דעם דאָזיקן אַרגומענט וועגן אונטערשיד צווישן דער פּאַרטיי און אירע מיטגלידער און די טעאָריע וועגן דער פּאַרטיי אַלס אַן אַבסטראַק־ציע אָן לעבעדיקע מענטשן. דאַקעגן איז פאַר זיי געווען שווער אָפּצופרעגן די אַלגעמיינע איינשטעלונג פון אויסלענדישן קאָמיטעט. בפרט ווען ער, פּונקט ווי אַ ריי אָנגעזעענע וואָרט־זאָגער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער באַוועגונג פון רוסלאַנד, האָט אָנערקענט די אומפאַרמיידלעכקייט פון לעקערטס אַקט און פון ענלעכע אינדיווידועלע אַקטן. אין אַ בראָשור פון אויסלענדישן קאָמיטעט איז וועגן דעם געזאָגט געוואָרן:

„דער אַטענטאַט פון לעקערטן איז געוואָרן אָנערקענט דורך דער

גאַנצער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נישט בלויז אַלס אומפּאַרמיידלעך, נאָר אַלס ווירדיקער ענטפער אויף די נידערטרעכטיקייטן פון פאָן וואַל, ווייל ביי די דעמאָלטיקע באַדינגונגען איז דאָס אָרגאַניזירן אַ מאַסן־ווידערשטאַנד געווען אוממעגלעך"... „די קעגנערשאַפט צום אָרגאַניזירטן טעראָר פאַרפליכטעט בכלל נישט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שטענדיק צו דערקלערן פאַר שעדלעך יעדן אינדיווידועלן טעראָריסטישן אַקט"... „אין יעדן מענטש, וואָס איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן ביים זעלבסטהערשערישן רעזשים, זיצט אַ טעראָריסט"... „די טעראָריסטישע פּסיכאָלאָגיע פון רוסישן מענטש באַשטייט נישט בלויז אין דעם, וואָס ער פילט מיט די טעראָריסטישע אַקטן, נאָר אויך אין דעם, וואָס אין דער טיפעניש פון דער נשמה גיט ער צו דעם טעראָר אַ פּאָזיטיווע ראָל" [40]. מאַכנדיק אַ הנחה פאַר אינדיווידועלע נקמה־אַקטן פון די געליטענע גופא אַלס ענטפער אויפן שענדן זייער מענטשלעכן כבוד, טאָר אָבער די פּאַרטיי אויך מיט דעם זיך נישט פאַרנעמען.

אויף דער פראַגע פּאַרטיי און מיטגלידערשאַפט האָט מען אין די אָנפירנדיקע קרייזן פון „בונד" אין רוסלאַנד גופא אַנדערש געקוקט. די פראַגע איז באַרירט געוואָרן אין אַן אַרטיקל, וואָס האָט קריטיקירט לעקערטס נאָכגיביקייט אין שיקן אַ ווענדונג וועגן באַגנעדיקונג. וועגן דעם לייענען מיר:

„הירש לעקערט, דער ערשטער יידישער אַרבעטער־העלד, וועלכער האָט אַזוי מוטיק געאָפּפערט זיין לעבן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער ערע פון דער אַרבעטער־מאַסע, האָט אין זיך נישט געפונען קיין קרעפטן צו באַזיגן זיין ליבע צו דער פרוי און די עלטערן. ער איז באַזיגט געפאַלן אין דעם טראַגישן שטרייט מיט דער דאָזיקער ליבע. זיין שוואַנגערע פרוי און זיין מוטער האָבן ביי אים אַרויסגעריסן אַ דערלויבעניש אונטערצושרייבן אין זיין נאָמען (ער האָט קיין רוסיש נישט געקענט שרייבן) אַ שוינונגס־ביטע"... „דער גרויסער העלד האָט נישט געקענט צוזען די טרערן פון זיין פרוי און מוטער און האָט דערלויבט דאָס, וואָס ער האָט אין קיין פאַל נישט געטאָרט דערלויבן. סטייטש, לעקערט דאַרף בעטן מחילה ביים רוסישן קיסר? צי האָט דען לעקערט, אַלס פאָרשטייער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־מאַסע, אַלס ראַכע־נעמער פאַר איר דערנידערונג

געטאָן אַן אומרעכט, וואָס ער דאַרף מחילה בעטן. ער האָט געטאָן די גע־רעכטסטע, די איידלסטע זאַך אויף דער וועלט. נישט מיר דאַרפן בעטן מחילה ביי אונזערע העבקער, נאָר זיי דאַרפן בעטן מחילה ביי אונז״...

און ווייטער: „אין אונזערע באַציאונגען צו אונזער פיינט עקזיס־טירן מיר נישט אַלס פערזאָנען. יעדער פון אונז איז מער נישט, ווי אַ פּאָר־שטייער פון דער שטרייטנדיקער אַרבעטער־מאַסע, אַ גליד פון דאָזיקן פירכטלעכן אָרגאַניזם. אונזערע העלדן־טאַטן, ווי אויך אונזערע שאַנד־טאַטן, זיינען טאַטן פון דער אַרבעטער־מאַסע. אין אונזערע דאָזיקע פּער־זענלעכע טאַטן קריסטאַליזירט זיך דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון דער שטרייטנדיקער אַרבעטער־מאַסע״.

אַז די מענטשן און דאָס פּראָגראַם בילדן צוזאַמען די גאַנצקייט און איינהייט, וואָס הייסט פּאַרטיי, איז ריכטיקער, ווי דאָס סעפּאַרירן זיי און פאָרשטעלן די פּאַרטיי אַלס אַן אַבסטראַקציע, וועמענס איינציקע רעאַ־ליטעט איז דאָס געשריבענע פּראָגראַם — איז בלתי ספק. אין זיין אָנט־שלאָסענעם קאַמף קעגן טעראָר האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט אויף אַ מאָמענט צו שטאַרק אָנגעצויגן זיין בויגן. פּונקט אַזוי האָט מען אין דער בונדישער אָנפירונג אין רוסלאַנד צו שטאַרק אָנגעצויגן דעם בויגן בעת מ׳האָט קריטיקירט די ווענדונג וועגן באַגנעדיקונג.

אין זעלבן אַרטיקל ווערט פון איין זייט פעסטגעשטעלט: „וואָס שייך לעקערטן, מוזן מיר, אַלס מענטשן, זאָגן: אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו, דאָס הייסט דו זאָלסט נישט משפטן דעם צווייטן, כל־זמן דו וועסט נישט זיין אויף זיין אָרט, נאָר אַלס רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי דריקן מיר אויס אונזער גרעסטע באַדויערונג וועגן דער שוידנוגס־ביטע״. מ׳האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט דער ריכטיקער דערקלערונג. ווייטער ווערט שוין געזאָגט: „ער האָט מיט דעם פּיל פּאַרקלענערט די באַדייטונג פון זיין העלדן־טאַט, ער האָט מיט דעם באַוויזן, אַז ער איז פּערזענלעך נישט אין גאַנצן געווען צוגעגרייט צו זיין גרויסער היסטאָ־רישער העלדן־טאַט. ער האָט געלערנט דעם פיינט מורא צו האָבן פאַר דער העלדישקייט פון רעוואָלוציאָנערן, נאָר האָט אים נישט געלערנט צו אַכטן אונזער ערן־ווירדע, און דאָס איז זייער וויכטיק. נאָר ערן־ווירדיקע קעמפּער קענען אַראָפּהאַקן די פליגל ביי אונזערע פיינט״ [41].

— די מורא, אַז לעקערטס ביטע קען זיין אַ שלעכטערביישפּיל פאַר אַנ־דערע, האָט מסתמא געווירקט מ׳זאָל מגזם זיין אין דער קריטיק.

די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען פּרינציפּיעל און פּאַקטיש קעגן טעראָר, אַזוי אויך דער „בונד״, וואָס איז געווען אַ טייל פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. די לאַגע איז אָבער געווען אַזאַ, אַז נאָך יעדן אַטענטאַט אויף אַ ווילדן צאַ־רישן מיניסטער אָדער אַנדערן הויכן באַאַמטן האָט מען דעם אַקט נישט געקענט פאַראורטיילן. יעדעס מאָל האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרע־סע מיט יראת־הכבוד זיך באַצויגן צו די העלדן און מאַרטירער. אַזוי איז געווען נאָך די אַטענטאַטן פון קאַרפּאָוויטשן, באַלמאַשאָוון, לעקערטן און אַ ריי אַנדערע. אָבער רופן צו דעם, אַפּשיטא אָרגאַניזירן — וועגן דעם האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. פּונקט ווי ביים „בונד״, איז אויך אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי נישט געווען קיין איינהייטלעכקייט אין דער פראַגע, דאָס הייסט עס זיינען געווען ניואַנסן אין דער אָפּשאַצונג פון די פאַרגעקומענע אַטענטאַטן און זייער „אומפאַרמיידלעכקייט״.

אין דער „איסקראַ״, וואָס איז דעמאָלט געווען דער אָנגעזעענסטער אָרגאַן פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, איז געווען פאָלגנדיקע נאָטיץ וועגן לעקערטס שאָסן: „אַ פולשטענדיק ווירדיקער און ביי די געגעבענע באַדינגונגען אומפאַרמיידלעכער ענט־פער איז געווען דער אַטענטאַט אויפן לעבן פון פאָן וואַל, אויסגעפירט דעם 5טן מאַי. דאָס פריידיקע געפיל פון באַוואוסטזיין, אַז דער ביישפּיל־לאָזער רעגירונגס־פאַרברעך איז נישט געבליבן אומבאַשטראָפט, ווערט ביי אונז פאַרחושכט בלויז מיטן באַדויערן וואָס דער אַטענטאַט האָט זיך נישט פולשטענדיק איינגעגעבן. דער דרייסטער נקמה־נעמער — הירש לעקערט—איז איבערגעגעבן געוואָרן צום מיליטערישן געריכט״[42].

און אַ צווייט מאָל אין אַ לייט־אַרטיקל: „די פּאָליצייאישע אָפּרעכ־נונג מיט די אָנטיילנעמער פון דער מאַי־דעמאָנסטראַציע שרייט הויך נאָך נקמה. קיין איין באַוואוסטזיניקער רוסישער פּראָלעטאַריער, קיין איין אויפריכטיקער פריינט פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט האָט נישט קיין רעכט זיך צו באַרואיקן, כל־זמן די נקמה איז נישט דורכגעפירט געוואָרן. אָבער ווי אַזוי זיך נוקם זיין? וועמען באַשטראָפן? דאָס איז די פראַגע,

וואָס פאַדערט דרינגענדיק פון אונז אַ תשובה. דער מסירת־נפשדיקער לעקערט האָט די פראַגע געלייזט אויף זיין אופן, אַריינלאָזנדיק עטלעכע קוילן אין ווילנער אויבער־תליון. אייביקער אָנדענק דעם העלד. דער העלד איז אומגעקומען, אָבער דער יאָך פון צאַריזם דריקט ווי פריער אויף די פלייצעס פול מיט וואונדן פון רוסישן אַרבעטער־קלאַס. ווי פריער דראָט די חרפה פון ריטער דער גאַנצער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד פאַר דעם סאַמע קלענסטן אויסדרוק פון זעלבסט־באַוואוסט־זיין און אומאָפהענגיקייט". נישט דורך מסירת־נפשדיקע אַקטן פון יחידים וועט מען אָפּנעמען ביי דער רעגירונג דעם חשק צו באַשטראָפן מיט ריטער פאַר דעמאָנסטראַציעס. „דאָס קען מען דערגרייכן בלויז מיט ליידנשאַפטלעכן ווידערשטאַנד מצד אַלע, וועלכע עס דראָט די סכנה פון אָנטאָן זיי קערפּערלעכע יסורים" [43].

די פאַר וואַרעמע ווערטער וועגן לעקערטן און זיין אַקט געהערן צו דער פעדער פון וויערא זאַסוליטש און ל. מאַרטאָוו. (די ערשטע האָט אַליין אין יאָר 1878 געשאָסן אויפן פּעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק טרעפּאָוו פאַר הייסן שמייסן דעם פּאָליטישן אַרעסטירטן באָגאָליובאָוו). אויך אין אַ צווייטן אָנגעזעענעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן זשורנאַל האָט מאַרטאָוו געשריבן, אַז מיט אירע אוממענטשלעכע מעשים רופט אַרויס די רעגירונג ביי יחידים און גרופּן אַ הייסן באַגער נאָך נקמה. „אויף אַזוי פיל קומט אויס אויך דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זיך צו רעכענען מיט דעם דאָזיקן מצב, אַז יעדע פאַרשאַרפונג פון פּאָליטישן קאַמף וועט באַגלייט ווערן מיט דער נייגונג פון געוויסע עלעמענטן אין דער זייט פון אינדיווידועלע טעראָריסטישע אַקטן. און גענומען אַן און פאַר זיך — קענען אַזעלכע אַקטן, ווי סטיכישע ביז אַ געוויסער מאָס, באַטראַכט ווערן, אַז זיי זיינען נישט אין סתירה מיט די אויפגאַבן פון אָרגאַניזירטן קאַמף פון דער פּאָליטישער פּאַרטיי — גלייך זיי וואָלטן פאַרגעקומען אויף אַן אַנדערער פלאַך"... רעדנדיק וועגן דער ווילדער טאַט פון פאָן וואַלן, זאָגט מאַרטאָוו: „מיט דער דאָזיקער ביישפּיללאָזער דערנידערונג האָט די רעגירונג געוואָרפן אַ העזה־פּנים, ... דעם גאַנצן רוסישן אַרבעטער־קלאַס. די כוחות פון דער פּאַרטיי האָבן, ליידער, נישט דערלויבט צו ענטפערן אויף דער דערנידערונג גלייך מיט אַזאַ „איינדרוקספולן פאָלקס־פּראָטעסט, וואָס

זאָל אָפּנעמען דעם חשק ביי אַלע פּאַן וואָלס און זייערע נאָטשאַלניקעס צו מאַכן ווייטערדיקע עקספּערימענטן אין דעם גייסט. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז געווען אומפאַרמיידלעך דאָס דערשיינען פון אַ יחיד אַ נקמה־נעמער, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער פּערזאָן פון ה. לעקערט. די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דער גאַנצער באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריאַט האָט מיט אַ געפיל פון טיפער באַפרידיקונג אויפגענומען די העראָאישע טאַט פון ווילנער שוסטער, אָבער דאָס דאָזיקע געפיל באַווירקט זיי נישט צו ענדערן זייער בליק אויף דער באַדייטונג פון טעראָר. דאָס באַווירקט זיי בלויז אָנצואווענדן אַלע קרעפטן, אַז זיי זאָלן זיין בכוח צו רעאַגירן אויף דעם ווילדן כעס פון די פּאַן וואָלס מיט רעוואָלוציאָנערע אַקטן פון אַ מאַסן־כאַראַקטער" [44]).

לעניך איז געווען קעגן דער נאַטיק, וואָס זאַסוליטש און מאַרטאָוו האָבן געשריבן וועגן לעקערטן און ער האָט זיי פאַרקלאָגט צו פּלעכאַנאָוון. אין אַ בריוו צו אים האָט ער געשריבן, אַז ביי זאַסוליטשן און מאַרטאָוון „האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּילט די נערוון און זיי האָבן גענומען ריידן וועגן דער נויטווענדיקייט פון טעראָר". מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט לעניך באַצייכנט די דערמאָנטע נאַטיק אַלס אויסדרוק פון „די וואַקלונגען אין דער זייט פון טעראָר, וואָס עס האָבן נישט איינמאָל אַרויסגעוויזן די פּאַרשטייער פון אינטעליגענטישן פליגל פון אונזער פּאַרטיי" [45]). ג. פּלעכאַנאָוו, וועלכער איז געווען דער ערשטער אויפצונעמען דעם קאַמף קעגן דער גייסטיקער ירושה פון די נאַראָדניקעס און זייערע טעראָריסטישע קאַמף־מעטאָדן, אַ קאַמף וואָס ער האָט אַזוי גלענצנדיק געפירט יאָרן־לאַנג, איז אויך געווען קעגן יעטוועדער הנחה דעם טעראָר.

די דאָזיקע אַבסאָלוטע קעגנערשאַפט, אָן שום אויסנאַמען, איז געקומען צום אויסדרוק אין אַן אַרטיקל אין „איסקראַ" וועגן דער „לאָגיק פון רוסישן 'טעראָריזם'." נאָכן שילדערן ווי אַזוי טעראָריזם האָט זיך שטופנווייז אַנטוויקלט ביי די נאַראָדניקעס אין די זיבעציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, ווערט אָנגעוויזן, אַז „ווי יעדער אַנדערער מין קאַמף, האָט דער 'טעראָריזם' זיין אייגענע לאָגיק. ווער עס 'אַנערקענט' טעראָר בלויז ווי אַ גאַנג פון זעלבסטפאַרטיידיקונג אָדער ווי אַ מיטל פון 'נקמה', יענער וועט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן אָנהויבן האַלטן אים — ווי קאָרפּאָ־

וויטש אָדער באַלמאַשאָוו — אַלס איינציק מעגלעכן ביי אונז אופן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. און דעמאָלט מעג מען זיך געזעגענען מיטן סאָציאַליזם״ [46]).

אין זעלבן נומער איז אויך אָפּגעדרוקט אַן אויפרוף פון דער גרופּע פון „יוזשני ראַבאָטשי״, מיט וועלכן די רעדאַקציע פון „איסקראַ״ סאָלידאַריזירט זיך. אין דעם אויפרוף, וואָס איז אַנטשידן קעגן דעם, אַז די פּאַרטיי זאָל אָרגאַניזירן אַפילו נקמה־אַקטן, ווערט דאָך דערקלערט: „יענער וואָס קען ניט באַהערשן דאָס אוממיטלבאַרע געפיל, זאָל האַנדלען לויט דעם רוף פון דעם געפיל. מיר וועלן אים נישט פאַראורטיילן: אומבאַרירלעך הייליק זיינען פאַר אונז די מענטשן, וואָס פאַרחתמענען מיט זייער בלוט זייער גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט צו דער גרויסער באַפרייאונגס־אידייע. מיר פּראָטעסטירן אָבער מיט דער גאַנצער ענערגיע קעגן די פּרואוון ביוראָקראַטיש צו אָרגאַניזירן דאָס דאָזיקע אוממיטלבאַרע געפיל, וואָס געהערט נישט צוליב דער עצם נאַטור צום געביט פון אָרגאַניזירן״.

די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (עס־ערן), וועלכע האָבן געפּריידיקט טעראָר, ווי אַ קאַמף־מיטל אויף צו באַזייטיקן דעם צאַרישן רעזשים און האָבן אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ ברייטע טעראָריסטישע טעטיקייט, האָבן אויסגענוצט די ווילנער געשעענישן אויף צו אַטאַקירן די שטעלונג פון „בונד״. דער פירער פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי און פון איר ספּעציעלער טעראָריסטישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, גריגאָרי גערשוני, האָט וועגן דעם געשריבן:

„דער שרעקלעכער מנואול פאָן וואַל, וועלכער האָט זיך אין פּעטערבורג אויסגעצייכנט מיט זיינע גנבות, און וועלכער איז פון דאָרטן דערפאַר פאַרטריבן געוואָרן, באַקומט פון דער רעגירונג אַ פולמאַכט צו אונטערדריקן די בעסט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג — די יידישע״... „די געשטאַלט פון לעקערטן, וועלכער האָט מיט זיין געזונטן געפיל בעסער פאַרשטאַנען די באַדערפענישן פון דער אַרבעטער־מאַסע איידער אַ סך רעוואָלוציאָנערן און אַפילו גאַנצע אָרגאַניזאַציעס, צינדט אָן אין אונזערע הערצער אַ פייערדיקן ענטוזיאַזם און דערוועקט אין אונז אַ שטאַרקן שטרעבן צום קאַמף און זעלבסט־אָפּפערונג, כדי מיר זאָלן ווערט

זיין צו טראָגן דעם נאָמען ׳חברים׳ פון דעם געפאַלענעם העלד. די איי־ גענע לעקערטס געשטאַלט וועקט אויף אין אונז נאָך אַ געפיל—אַ געפיל פון אַ שאַרפן ווייטיק, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז לעקערטן האָט נישט געקענט אויפמונטערן אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן דער באַוואוסטזיין, אַז זיין טאַט איז גלענצנדיק דורכגעפירט געוואָרן — דער באַוואוסטזיין, וועלכער האָט דערמונטערט, למשל, סטעפאַן וואַלעריאַנאָוויטש באַלמאַשאָוו. דער ווילדער אַכזר פאָן וואַל איז נישט געפאַלן טויט צו די פיס פון דעם ראַכע־נעמער״... „עס האָבן זיך געפונען אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן לאחר המעשה געפּאַטשט בראַוואָ. עס האָבן זיך אָבער נישט געפונען אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן פריער קומען זיי צו הילף און אָרגאַ־ ניזירן דעם אַטענטאַט אויף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל אין גאַנצן איינגעבן זיך״... „מיר זיינען איבערצייגט, אַז נישט קוקנדיק אויף כלערליי דאָג־ מאַטישע און פּראַקטיאָנעלע אַבערגלויבעריי קעגן טעראָר, וועט דער געזונטער מאָראַלישער געפיל ברענגען די יידישע אַרבעטער צום באַ־ וואוסטזיין פון דאָזיקן חוב און וועט וויזן די מיטלען, ווי אַזוי צו דער־ פילן אים. מען דאַרף זיין אַ העלד צו גיין אויף דער תליה בעת דאָס ווערט באַשטימט און אונטערגעשטיצט פון אַ שטאַרקער אָרגאַניזאַציע. מען דאַרף אָבער זיין צוויי מאָל אַ גרעסערער העלד צו גיין אויף דער תליה אָן איר באַשלוס און אָן איר שטיצע״ [47]).

די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערקע פרומע פרומקין, אַ געוועזענע בונ־ דיסטקע און שפּעטער אַ ליידנשאַפטלעכע טעראָריסטקע, האָט אויך אַטאַ־ קירט די שטעלונג פון „בונד״. באַזונדערס שאַרף איז זי געווען קעגן אויסלענדישן קאָמיטעט. אין אַ בריוו צו דער רעדאַקציע פון דער עסערי־ שער צייטונג, אַ בריוו וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט מיט יאָרן שפּעטער נאָך דעם ווי ס׳איז איבער איר אויסגעפירט געוואָרן אַ טויט־ אורטייל, האָט זי שטאַרק און ליידנשאַפטלעך אַטאַקירט די שטעלונג פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד״, אַז די דערנידעריקטע אַליין און נישט די פּאַרטיי זאָלן רעאַגירן. אָנווייזנדיק אויף דער „אומענדלעכער פרייד און פאַרלייכטערונג, וואָס אַלע האָבן געפילט נאָכן שאָס פון לעקערטן״, באַשולדיקט זי, אַז „די מינסקער בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט ביז איצט נישט דערפילט איר חוב, און דאָס האָט אָן ספק אַרויסגערופן ביי דער

מינסקער מאַסע אַ געדריקטע און געבראָכענע שטימונג. יעדער פּילט זיין שולד אין פאַקט, וואָס די מינסקער תּלינים זיינען געבליבן אומבאַשטראָפט. יעדער פּילט זיך געשענדט. און אויב נישט אַלעמען, אָבער אַ סך איז דאָס לעבן געוואָרן נישט ניחא אין דער שטאָט, וואו עס בלייבן אָן אַ תּשובה אַזעלכע שווערע באַליידיקונגען לגבי דער פּערזענלעכקייט פון רעוואָלוציאָנערן" [48].

די בונדישע פּרעסע — אין לאַנד און אויסלאַנד, יעדע אויף איר שטייגער — האָט אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס פון די קריטיקער און קעגנער. אויב קעגן די אַטאַקעס פון די עס־ערן האָבן אַלע בונדיסטן געקענט פאַרנעמען אַן איינהייטלעכע פּרינציפּיעלע שטעלונג, איז דאָס שוין נישט געווען מעגלעך לגבי דער קריטיק, וואָס איז געקומען פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן לאַגער גופא.

מיטן גאַנג פון דער צייט האָט אין „בונד" זיך גענומען אויסאַרבעטן אַן איינהייטלעכע מיינונג אויך בנוגע דער פראַגע פון „אָרגאַניזירטער נקמה". אָפּשאַצנדיק די געשעענישן פון פאַרגאַנגענעם יאָר און אַרומרעדנדיק די צוגרייטונגען צום קומענדיקן 1טן מאַי, האָט דער אונטערערדישער אָרגאַן, וואָס האָט אויסגעדריקט די מיינונג פון דעם צ. ק. פון „בונד", געשריבן:

„די ווילדע טאַטן פון דעם אַזיאַט, פאָן וואַל דעם שמייסער, זיינען געווען פאַר אונז אומדערוואַרט. מיר זיינען געווען געגרייט אַריבערצוטראָגן קערפּערלעכע און מאָראַלע פּייניקונגען, נאָר פאַרשענדט ווערן... דאָס איבערטראָגן איז געווען אוממעגלעך. נישט זעענדיק קיין מעגלעכקייט באַלד צו ענטפערן אויף דער שענדלעכער טאַט פון דער רעגירונג, זיינען אייניקע אַריינגעפאַלן אין ספקות און האָבן זיך אָנגעהויבן מיאש צו זיין בכלל אין דער קראַפט פון אונזער באַוועגונג. מען האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן נישט קיין רעכט צו רופן די מאַסן צו אַ וועלכער נישט איז טעטיקייט, וואָס איז פאַר זיי פאַרבונדן מיט דערנידערונג, וויבאַלד מיר זיינען נישט בכוח זיי פון דעם צו פאַרהיטן"... „די דערנידערונגס־טאַקטיק פון דער רעגירונג האָט געמאַכט אַ געוויסע בהלה אין אונזערע רייען, מיר ווילן דאָס נישט לייקענען. זי האָט אַרויסגערופן אַ געוויסע אומאַנטשלאָסנקייט, נאָר דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. אמת, די ספּעציעלע

פראַגע, וואָס איז פאַרבונדן און אַרויסגערופן ביי אונז דורך דער נייער טאַקטיק פון דער רעגירונג, האָט נאָך נישט באַקומען קיין באַשליסלעכע לייזונג, נאָר אמת איז אויך, אַז די דאָזיקע פראַגע האָט אין אַלגעמיין אויף אַ האָר נישט געשטערט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אונזער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע"... „די אַנטערונגס־טאַקטיק איז געווען אָנגע־ווענדט נישט בלויז צו אונז, יידישע אַרבעטער, אַליין, — דער ווילדער בלוט־דורשטיקער באַראָן האָט געפונען נאָכפאָלגער אין וויאַטקער גובער־ניע, אין קרעמענטשוג און אין נאָך אייניקע ערטער"...

דער אַרטיקל טרעט אַרויס קעגן די, וועלכע טיילן אויף „מיר" און „זיי", אָרגאַניזאַציע און אַרבעטער. ס'איז אַלעמענס זאַך: „צו אַזעל־כע אומפאַרשטענדלעכע מענטשן געהערן די אונזערע חברים — אַרבעטער און נישט־אַרבעטער — וועלכע זיינען פאַראיאָרן נאָך דער ווילנער שיב־דעריי אַרויסגעטרעטן מיט פאַרשיידענע פאָרוואורפן צום קאָמיטעט: 'ער האָט גערופן צו דער דעמאָנסטראַציע, דאַרף ער ענטפערן, און נישט מיט פּאַפּירלעך'..." „צי איז אַן ענטפער מיט אַ 'פּאַפּירל' — אַן ענטפער, דאָס איז אַן אַנדער זאַך, נאָר צו מענטשן, וועלכע האָבן אַזוי געברענט און געפלאַקערט, קענען מיר מיט פולער רעכט פרעגן: און אַליין וואָס האָט איר געשוויגן? איר אַליין זענט נישט געווען מחויב צו ענטפערן? וואָס זענט איר — פערד, וואָס מען דאַרף פאַרן צום פירן? האָט דען לעקערט געפרעגט ביי וועמען וואָס צו טאָן, געמאַכט וועמען פאָרוואורפן?" [49]).

אין זעלבן נומער ווערט אָנגעגריפן דאָס יידישע בירגערטום פאַר איר נישט ווירדיקער האַלטונג. עס ווערט פעסטגעשטעלט, אַז „דער רע־וואָלוציאָנערער קאַמף פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט געפינט נישט קיין אָפּקלאַנג אין דער יידישער בורזשואַזיע. דער שרעקלעכער פּאָליציילעכער ווילקיר, וואָס ווערט אַלץ שטאַרקער, רופט נישט אַרויס קיין געפיל פון פּראָטעסט ביי די 'אויפגעקלערטע' און נישט 'אויפגעקלערטע' בורזשואַ; פאַרקערט, זיי פאַרגרעסערן נאָך זייער שקלאַפישע איבערגעגעבנקייט צו דער רעגירונג. זיי זיינען מתפלל פאַר פאָן וואָלס געזונט און גיבן נדבות פון קהלשע געלט צו באַלוינען די קאָזאַקן פאַר זייער התמדה, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן אין איינשטילן די אַרבעטער־אומרוען' (ווי עס האָבן געטאָן די געמיינדעס אין מינסק און ווילנע)".

אין דער שטאָט ריגע איז מען צוגעטרעטן מאַכן פּראַקטישע אויס־פירן פון דער רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַניזירטער נקמה" — שאַפן אַ סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע פאַר אַזאַ צוועק. אין פּראָגראַם איז אָנגעוויזן געוואָרן די נעגאַטיווע באַציאונג צום טעראָר אַלס פּאָליטישן קאַמף־מיטל און אַז מ׳וועט זיך באַגרענעצן מיט „נקמה־אַקטן" אין ספּע־ציעלע אויסערגעוויינלעכע פאַלן. לויט די ידיעות, וואָס עס האָט צוגע־שטעלט די ריגער זשאַנדאַרמעריע, האָט בראש פון דער דאָזיקער אָרגאַ־ניזאַציע געזאָלט שטיין אברהם בראָון — שפּעטער אַ באַרימטער בונדי־שער טוער און רעדנער (סערגיי). ריגע איז געווען אַן אויסנאַם־פאַל.

די רעזאָלוציע פון דער בערדיטשעווער קאָנפערענץ וועגן „אָרגאַ־ניזירטער נקמה", וואָס איז נישט געווען בינדנדיק פאַר די מיטגלידער און אָרגאַניזאַציעס און האָט גיכער געזאָלט דינען ווי אַ מאַטעריאַל פאַר דעם קומענדיקן 5טן צוזאַמענפאָר, האָט אַרויסגערופן הייסע וויכוחים. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז זי איז סוף־כל־סוף אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אין יוני 1903 איז אין ציריך (שווייץ) אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער 5טער צוזאַמענפאָר פון „בונד". ס'איז געווען אַ פולע איינשטימיקייט ביי די דעלעגאַטן, אַז די רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַניזירטער נקמה" זאָל אָפּגע־שאַפט ווערן. אַזוי איינהייטלעך איז געוואָרן די שטימונג אין „בונד", אַז מען האָט דאָס אָפּשאַפן די רעזאָלוציע געהאַלטן פאַר אַ זעלבסטפאַרשטענד־לעכקייט. אַ דעבאַטע איז בלויז געפירט געוואָרן וועגן טעקסט פון באַ־שלוס אין דער פראַגע. דער 5טער צוזאַמענפאָר האָט דערקלערט „אָרגאַ־ניזירטע נקמה אַלס איינע פון די פאָרמען פון טעראָר". אין הסכם מיט דער שטעלונג פון 4טן צוזאַמענפאָר, וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן טעראָר, איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצושאַפן דעם באַשלוס פון דער 5טער קאָנפערענץ, וואָס רעקאָמענדירט צו ענטפערן מיט אָרגאַניזירטע נקמה־אַקטן אויף דער טאַקטיק פון דער רעגירונג פון דערנידעריקן און טרעטן די ערע פון די רעוואָלוציאָנערע קעמפער.

דער איינערלעכער שטרייט אין „בונד" אַרום דער פראַגע פון טע־ראָר, וואָס האָט זיך זומער 1903 געענדיקט מיט אַן איינשטימיקער קעג־נערשאַפט צו אים אין אַלע זיינע פאָרמען, האָט נישט געמינערט דאָס פאַרערן לעקערטן און זיין מסירת־נפשדיקע טאַט. אין אויפּרופן, אויף

געהיימע פאַרזאַמלונגען און פּראָטעסט־שטרייקן האָבן די בונדיסטן נישט איבערגעלאָזט דעם מינדסטן ספק וועגן זייער באַציאונג צו דער מעשה־לעקערט.

געווען אַפילו פאַלן, ווען דער פּראָטעסט קעגן די ווילנער געשעע־נישן האָט באַוואויגן די יידישע אַרבעטער פון געוויסע שטעט צום ערשטן מאָל אַרויסגיין אין גאַס און דעמאָנסטרירן. אין אַן אויפרוף פון די יידישע אַרבעטער אין זשיטאָמיר לייענען מיר: „מיר, זשיטאָמירער אַרבעטער, האָבן באַשלאָסן אויסצודריקן אָפן אונזער טרייע ליבע צום העלדישן פאַרקעמפער און אונזער טיפסטן האַס קעגן דער פינצטערער זעלבסטהערשונג. אַ מאַסע פון הונדערטער מענטשן זיינען מיר אַרויס שבת, דעם 1טן יוני (1902), אויף דעם בולוואַר, טראָגנדיק פאַראויס אַ רויטע פאָן. מיר זיינען געגאַנגען מיט געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער און מיט אויסגעשרייען: 'נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! צום אייביקן אָנדענק פון הירש לעקערט און באַלמאַשאָוו!' מיר, היגע אַרבעטער, וועלכע ליידן אויך פון דעם שווערן יאָך אונטער דער זעלבסט־הערשנדיקער רעגירונג, האָבן צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָגן אונזער פּראָטעסט אָפן אין גאַס"...

דעם 10טן יוני 1903, אַ יאָר נאָך דעם, ווי הירש לעקערט איז אַרויפ־געשטיגן אויף דער תליה, האָט דער „בונד" אָרגאַניזירט אַ שטרייק פון די יידישע אַרבעטער אין ווילנע. די שטאָט איז געווען שטאַרק באַוואַכט פון פּאָליציי און קאָזאַקן. מ'האָט אויך קיינעם נישט צוגעלאָזט צום מי־ליטערישן פעלד, וואו די צאַרישע תלינים האָבן באַערדיקט זייער קרבן.

דער ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" האָט צו דער ערשטער יאָרצייט אויך פאַרשפּרייט אַן אויפרוף, אין וועלכן עס איז געוואָרן דערציילט וועגן לעקערטן: „פיל אומרואיקע נעכט האָט ער פאַרבראַכט, באַטראַכטנ־דיק זיין העלדישן פּלאַן! פיל טעג האָט ער געזוכט דעם צופאַל צו דער־פילן זיין געדאַנק!"... „ענטפערן אויף דער שווידערהאַפטער טאַט פון דער רעגירונג מיט אַן אַלגעמיינעם פּראָטעסט, מיט דעם איינציק ריכטיקן מיטל פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן מיר נישט געקענט"... „אומעטום האָט מען געהערט נאָר איין פראַגע: צי דען וועט מען אים (פאָן וואַלן) שווייגן? צי דען וועט זיך צווישן יידישן פּראָלעטאַ־

ריאַט נישט געפינען קיין ראַכע־נעמער ? מיט אַ קויל האָט הירש לעקערט פאַרענטפערט די פראַגע, און אין דעם ליגט די גרויסקייט פון אים"... „אַן אמתע שמחה, אַ גרויסע פרייד האָבן מיר געהאַט וואָס אַט דער פאָלקס־העלד איז געווען אַ ייד, וואָס אים האָט אַרויסגעשטעלט דער יידישער פראָ־לעטאַריאַט".

צו דער צווייטער יאָרצייט האָט דער ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" געשריבן אין זיין אונטערערדישער צייטונג : „לעקערט איז נישט געווען קיין טעראָריסט. ער האָט נישט גערעכנט מיט זיין שאָס צו דערשרעקן די רעגירונג"... „דער שאָס פון לעקערטן האָט מער אָדער ווייניקער באַ־פרידיקט אונזערע ראַכע־געפילן. מיט זיין העלדישן טאַט האָט לעקערט אונז געוויזן אַ ביישפיל פון מוט און ענערגיע אין קאַמף קעגן דער ווילדער ווילקיר, אָבער די דאָזיקע העלדן־טאַט האָט נישט געקענט צווינגען די רעגירונג זיך אָפּצוזאָגן פון איר גוואַלט־פּאָליטיק און ווילקיר"... „אַ רעוואָלוציאָנער קען נישט אַריבערטראָגן קיין באַליידיקונג פון זיין אייגענער פערזאָן און פון דער פערזאָן פון זיינע חברים. און הירש לעקערט, דער העלד און מאַרטירער פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע, וועט אַלע מאָל דינען פאַר אונז אַלס ביישפיל פון מאַכט און אומדערשראָקנקייט פון די רוסלענדער רעוואָלוציאָנערן" [50].

די לעקערט־יאָרצייט איז געפייערט געוואָרן אומעטום, וואו עס זיינען געווען יידישע אַרבעטער, אָרגאַניזירטע אונטער דער פאָן פון „בונד".

אין שייכות מיט די ווילנער געשעענישן האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" אַנטוויקלט אַ פיבערהאַפטע טעטיקייט. פון איין זייט האָט ער אַנטשידן באַקעמפט די טעראָריסטישע אָפּנויגן אין די בונ־דישע רייען, פון דער צווייטער זייט האָט ער אין אויסלאַנד אַנטוויקלט אַ ברייטע אויפקלערערישע און פּראָטעסט־קאָמפּאַניע. ער האָט כסדר אינ־פאָרמירט די פרעסע און בכלל די עפנטלעכקייט וועגן דעם וואָס ס'איז ווירקלעך פאָרגעקומען. ער האָט פאַרעפנטלעכט די אומלעגאַלע אויפרופן, וואָס זיינען אַרויס אין רוסלאַנד, ווי אויך אַ ריי אַנדערע דאָקומענטן און פאַרשיידענע פאַקטן. עס איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער אַקציע. די סאָציאַליסטישע און לי־

בעראַלע פּרעסע פון מערבֿ־אייראָפּע און אַמעריקע האָט וועגן דעם געשריבן. אין אַ סך אייראָפּעאישע שטעט זיינען פאָרגעקומען גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, ווי למשל אין בערלין, היידעלבערג, מאַנהיים, מינכען, קאַרלסרו, לייפּציג, דאַרמשטאַט, פרייבורג, זשענעוו, לאָזאַן, בערן, ציריך, ווינטערטור, ביל, פּאַריז, ליאָן, מאַרסייל, רוים, מילאַן און אַנדערע שטעט. אין בערלין זיינען אויפן מיטינג פון דער דייטשער ס. ד. געווען 3 טויזנט מאַן. פּאָליציי האָט אים צעטריבן נאָך אַ שאַרפער רעדע פון דעפּוטאַט לעדעבור.

אין יוני 1902 האָט דער סעקרעטאַר פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל זיך געווענדט צו אַלע אָנגעשלאָסענע פּאַרטייען וועגן איינאָרדענען פּראָטעסט־מיטינגען קעגן די אַכזריותדיקייטן און באַרבאַרייען, וואָס דער צאַרישער רעזשים טוט אָפּ לגבי אַרבעטער־דעמאָנסטראַנטן און פּאָליטישע אַרעסטירטע.

מיר וועלן דאָ נאָך אויסהערן צוויי שטימען פון מענטשן, וועלכע זיינען בעת די ווילנער געשעענישן געווען נאָנט און דאָך וויט — איינער נאָנט אין גייסט און וויט אין שטח, דער צווייטער נאָנט אין שטח און וויט אין גייסט.

דער סאָציאַליסט און דיכטער א. ליעסין האָט דעמאָלט געשריבן אין אַמעריקע: „אין יענעם טאָג האָט זיך לעקערט דערהויבן הויך איבער די הונדערט און דרייסיק מיליאָנען אונטערטאַנען פון צאַר, די וויסטע שקלאַפן, וועלכע טראָגן געדולדיק זייערע שקלאַפן־קייטן. און צוזאַמען מיט אים איז אויך דערהויבן געוואָרן, אין די אויגן פון גאַנצן לאַנד, דער גאַנצער יידישער פּראָלעטאַריאַט, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. אין יענעם טאָג האָט לעקערט אויפגעטאָן פאַר יידן פיל מער, ווי פיל און פיל יידישע גדולים אין פאַרלויף פון פיל און פיל יאָרן. די שווערסטע באַשולדיקונג, וואָס האָט געדריקט די יידן, איז געווען די באַשולדיקונג אין פייגהייט, אין טרוסאָסט. די שווערסטע שטראָף, וואָס יידן זיינען דערפאַר אויסגעשטאַנען, איז געווען די שטראָף פון פאַראַכטונג. און לעקערט האָט די דאָזיקע באַשולדיקונג און די דאָזיקע שטראָף אָפּגעמעקט — מיט זיין יונגן בלוט האָט ער עס אָפּגעמעקט" [51]).

בן־ציון כץ, אַ העברעאישער שרייבער, האָט שפּעטער אַזוי איבער־געגעבן וועגן דער ווירקונג פון דער לעקערט־דראַמע:

„באמת האָט לעקערט אַן אָרט אין דער יידישער געשיכטע, נישט בלויז אין דער סאָציאַליסטישער און נישט בלויז אין דער ענג־פּאַרטיי־אישער. לעקערטס טאַט האָט געהאַט אַ באַדייטונג פאַר דעם גאַנצן יידישן קאַמף פאַר רעכט, אַפילו פאַר דעם ציוניזם, פאַר דער יידישער פּרעסע, ווייל דאָס איז געווען דער איינציקער פאַל, וואָס אַ טעראָריסטישער אַקט איז דורכגעפירט געוואָרן צוליב דעם יידישן כבוד און דורך אַ מענטשן אַ וויניק אַנטוויקלטן. איך האָב דאַן געהערט וועגן דעם רושם, וואָס עס האָט געמאַכט אין די הויכע רוסישע ספערן, אויף פּלעווען, דעם שרעקלעכן מיניסטער פון אינערן־ענינים"... „דער מיניסטער פּלעווע האָט געפונען, אַז מען דאַרף ענדערן דעם אַלטן סיסטעם, וואָס האָט געטריבן אַלערליי קלאַסן יידן צו אונטערערדישער אַרבעט"... „פּלעווע איז געווען דער ערשטער מיניסטער פון אינערן, וואָס האָט עטלעכע חדשים נאָך דעם ענין לעקערט דערלויבט אַ לעגאַלע יידישע צייטונג („דער פריינד") אין פּעטערבורג. פּלעווע האָט געפונען, אַז ס'איז בעסער צו האָבן אַ רעגירונג־קאָנטראָל איבער דער יידישער פּרעסע איידער אומלעגאַלע יידישע פּרעסע. דער שאָס פון לעקערטן האָט פיל געווירקט אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון דער רוסישער ביוראָקראַטיע. זי האָט געזען, אַז אַן איינפאַכער ייד, אַן אָרעמער שוסטער, נישט אין שליחות פון אַ פּאַרטיי, גייט אויף דעם טויט, ווייל מען האָט באַליידיקט יידישע רעוואָלוציאָנערן. זי האָט זיך איבער־צייגט, אַז ס'וואַקסט גאָר אַן אַנדער דור. אַזעלכע מעשים, ווי שמייסן יידישע רעוואָלוציאָנערן, האָבן זיך מער נישט איבערגעחזרט אין רוסלאַנד. לעקערטס שאָס האָט געווירקט" [52]).

6. ליד און דראַמע

דער רושם פון דער מעשה־לעקערט איז געווען אַ שטאַרקער און טיפער. נישט בלויז אין די פּאַרטייאישע און רעוואָלוציאָנערע קרייזן, וואו מ׳האָט, אָפּגעבנדיק כבוד דעם אַרבעטער־העלד און מאַרטירער, גלייכצייטיק זיך גענומען מתווכח זיין וועגן „אָרגאַניזירטער נקמה״ און בכלל וועגן טעראָר. די מעשה־לעקערט האָט אָנגערירט אַ פּאָלקס־סטרונע, וואָס האָט אַ ציטער געטאָן און אָנגעהויבן אַרויסגעבן רירנדיקע טענער.

די ערשטע האָבן זיך אָפּגערופן אַנאָנימע פּאָלקס־דיכטער. זיי האָבן געשאַפן אַ ריי לידער וואָס דאָס פּאָלק האָט געזונגען. אַנאָנים זיינען אויך געבליבן די שאַפער פון די ניגונים פאַר די לידער. מיט ליבע ווערט באַזונגען הערשקע, וועלכער האָט זיך אַליין מקריב געווען, כדי צו נעמען נקמה פאַר זיינע באַליידיקטע ברידער אַרבעטער. אין אייניקע וואַריאַנטן ווערט געשילדערט ווי אַזוי דאָס איז געשען. אָט איז איינס פון די דאָזיקע פאָלקס־לידער:

וועו הערשקע איז פון שטוב אַרויסגעגאַנגען,
האָט ער געזאָגט: ברידער, אַ גוטע נאַכט;
ווען הערשקע איז צום צירק צוגעלאָפן,
האָט ער שוין קיינעם ניט געטראָפן.

ווען הערשקע איז צו דער קאַסע צוגעגאַנגען,
אַ בילעט האָט ער געבעטן אויף גיך;
ווען הערשקע איז אין צירק אַריינגעגאַנגען,
האָט ער באַטראַכט אַרום זיך.

דער זייגער האָט צוועלף געשלאָגן.
דער פּובליק איז פאַנאַנדער אַהיים;
איז הערשקע פון זיין אָרט אַוועקגעגאַנגען,
לעבן גובערנאַטאָרס לאָזשע איז ער געבליבן שטיין.

ווי הערשקע איז ביי דער לאָזשע געשטאַנען,
זיין בליק האָט ער געוואָרפן פון זיך אויף ווייט;
ווען דער גובערנאַטאָר איז פון צירק אַרויסגעגאַנגען,
האָט ער אים געשאָסן אין אַ זייט.

ווי די טיראַנען האָבן דעם שאָס דערהערט,
איז געוואָרן אַ שרעקלעך געררודער;
מ׳האָט באַלד הערשקען אַרעסטירט,
מ׳האָט אים איינגעזעצט אין פערצנטן נומער.

אַזוי ווי מ׳האָט הערשקען אַרעסטירט,
האָט מען געבעטן ער זאָל דעם אמת אויסגעבן;
— אַוועק, איר שרעקלעכע מערדער,
כ׳האָב געוואָלט דער טיראַן זאָל ניט לעבן.

ווי מ׳האָט הערשקען צום משפט געפירט,
האָט מען געבעטן ער זאָל דעם אמת אויסגעבן;
— אַוועק, איר שרעקלעכע מערדער,
כ׳האָב געוואָלט דער טיראַן זאָל ניט לעבן.

זעקס אַ זייגער פאַרטאָג,
ווי שטיל איז געווען אויפן פעלד;
— אָ, ברידער, איר זענט אַלע געשלאָפן,
מיט מיר האָט מען געטאָן וואָס מ׳האָט געוואָלט.

אַך, ברידער, איר זאָלט מיך ניט פאַרגעסן —
דעם שטריק, וואָס מ׳האָט פאַרוואָרפן איבער מיר;

אַז מיין פרוי וועט אַ קינד געבוירן,
אַ נאָמען זאָלט איר געבן נאָך מיר.

אוי, ברידער, איר זאָלט מיך ניט פאַרגעסן —
דעם שטריק, וואָס מ'האָט פאַרוואָרפן איבער מיין האַלדז;
אַ צוואה, ברידער, וועל איך אייך איבערלאָזן,
אַז ראַכע זאָלט איר נעמען פאַר אַלץ.

מער־ווייניקער פון זעלבן כאַראַקטער איז דער רוב פון די אַנדערע לידער. זיי אונטערשיידן זיך בלויז אין פרטים אָדער אין דער אויספיר־לעכקייט פון דער שילדערונג[53]. ס'זיינען געווען לידער אויך פון אַן אַנדערן נוסח. איינס פון זיי איז אַ וויג־ליד, וואָס טראָגט דעם נאָמען „הירש לעקערטס צוואה". די מוטער וויגט איין מיט דעם ליד לעקערטס ערשט געבוירן קינד:

דיין פאָטער האָט געקעמפט ווי אַ העלד,
פאַר פרייהייט און פאַר רעכט.
אַלעס האָט ער זיך אַנטקעגנגעשטעלט,
ווען מען האָט באַליידיקט די קנעכט.
דיין טאַטע האָט זיך באַשלאָסן
צו שיסן פאָן וואַלן דעם טיראַן.
זיין בלוט האָט ער אים געטאָן פאַרגיסן,
אַזוי ווי אַ שטאָלצער מאַן.

אַז דו, מיין קינד, וועסט גרעסער ווערן,
זאָלסט דו זיין גרייט
צו נעמען ראַכע פון די הערשער
פאַר דיין פאָטערס טויט.
דיין טאַטע איז ראַכע נעמען געגאַנגען
פון דעם ווילדן דעספּאָט,
האָט מען אים אויפגעהאָנגען
אויף דעם שאַפאָט[54].

דאָס פֿאָלק אַליין האָט לעקערטן אַריינגעפֿירט אין דער ליטעראַטור. שפּעטער זיינען שוין געקומען די אָנערקענטע דיכטער און דראַמאַטורגן און אים געגעבן אַ קינסטלערישן תּיקון. אין לידער און דראַמעס האָבן זיי געפּרואווט צאָלן זייער צינז דעם פֿאָלקס־העלד, פֿאַרטיפֿן זיך אין זיין נשמה, ווייזן זיינע איבערלעבונגען און די מאָטיוון פֿון זיינע האַנדלונגען.

מיט אַ שטאַרק ליד איז אַרויסגעקומען א. ליעסין. און אַזוי ווי ער האָט דאָס ליד געשריבן ערשט מיט 32 יאָר שפּעטער (1934), האָט ער געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו באַמערקן, אַז דאָס איז זיינס „אַ הייליקער חוב“, וואָס ער האָט דערפֿילט. דער דיכטער שילדערט ווי אַזוי מ׳פֿירט לעקערטן צו דער תּליה און די עקזעקוציע גופֿא. ער האָט דערביי געזען:

„נאָר איין מינוט פֿון שוואַכקייט, ווייטיקדיק און שווער,
און ווידער שוין דער שטאָלצער רעוואָלוציאָנער“.

דער דיכטער ווייס אויך, אַז דער סוף פֿון ווילנער יידישן אַרבעטער איז נישט געווען אויף דער תּליה, וואָס דעם צאַרס תּלינים האָבן אויפֿגעשטעלט, וואָרן

„דאָך שפּעטער שוין אַ ווײַלע, מיט דער זון צוזאַמען,
איז לעקערט אויפֿגעגאַנגען אין די רויטע פֿלאַמען“.
„ער איז פֿון ׳מיליטער־פֿעלד׳ ליכטיק אויפֿגעשטאַנען
אין קדושה־אָרעאָל, וואָס קען שוין נישט פֿאַרוויאַנען.
ער האָט זיך איבער די מיליאָנען קנעכט פֿון צאַר דערהויבן
און אויפֿגעוועקט דעם שטאָלץ און אויפֿגעוועקט דעם גלויבן“.

פֿאַרן דיכטער איז הירש לעקערט געווען:

„אַ ראַכע־נעמער פֿאַרן כּבֿוד דעם פֿאַרשוועכטן
פֿון קלאַס, וואָס איז געווען דער שפּלסטער נאָך נעכטן.
אַ פֿאָרגייער, וואָס האָט אין ביישפּיל אין דערהויכטן
אַ גרויסן קעמפֿער־דור מיט זיין געשטאַלט באַלויכטן“.

אויך אייניקע אַנדערע דיכטער האָבן דערפילט זייער „הייליקן חוב" און געשאַפן לעקערט־לידער. ה. לייוויק האָט געטרוימט זיך צו באַהעפטן מיטן לעקערט־גייסט און דערפאַר געזונגען:

„— אָ, איך ווייס ניט ווען, נאָר איך ווייס עס וועט קומען
אַ שעה אַזאַ, וואָס וועט זאָגן צו יעדן: נעם
אַזאַ באַגינען זיך, ווי לעקערט האָט גענומען"...

„זינג נאָך אַמאָל, נאָך אַמאָל צו דער הייליקער שטריק
און צום האַלז, וואָס בענקט, וואָס רייסט זיך הענגען".

ל. פיינבערג זעט הירשקען שטיין אַ שטאָלצן „ביים תליה־קנופ". „עס יערט אין אים אַ פרייד".

„דער שרעקט זיך ניט פאַר אומקום און פאַר טויט,
ווער ס'האָט זיין האַנט געהויבן קעגן שקר.

דורך גרויע וואָלקנס רייסט זיך דורך אַ פּאַס,
אַ רייפטל זון — און שטראַלן פלייצן, פלייצן...
און לייכט ווערט אים די וואונדערלעכע לאַסט
פון איין און צוואַנציק פרילינגס אויף די פּלייצעס:

— אַדיע, חברים טייערע פון 'בונד'!
איר זעט: די זון גייט אויף, די פרייהייט־זון!"

באַזונגען אָדער בלויז דערמאָנט אין זייערע לידער האָבן אים נאָך אברהם רייזען, אַ לעיעלעס, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, שאול מאַלץ, א. סוצקעווער, אברהם לעוו, רוטע וועקסלער און אייניקע אַנדערע יידישע דיכטער. אַ ליד מיטן נאָמען הירש לעקערטן איז אויך געווען אין רוסיש און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אָרגאַן פון די עס־ערן — רעוואָלוציאָננאַיאַ ראָסיאַ נומ' 10, אויגוסט 1902. דאָס ליד (דער מחבר שרייבט זיך אונטער — יעוורעי) האָט נאַציאָנאַליסטישע און רעליגיעזע אתה בחרתנודיקע טענער („דו, גאָט פון מיינע אָבות, דו גאָט פון נקמה!" א. אַז. וו.).

ברייטער ווי אין ליד, ווערט באַהאַנדלט מעשה־לעקערט אין איניקע דראַמעס. אַ קינסטלער מוז נישט זיך האַלטן דווקא ביי דער ווירקלעכקייט. ער קען אַריינפירן פאַרשיידענע געשטאַלטן, מעגלעכקייטן און מאָטיוון, וואָס זיין קינסטלעריש אויג זעט און וואָס זיינען אין דער רעאַליטעט גאָר נישט געווען. בתנאי אָבער, אַז זיי זאָלן נישט זיין אין סתירה צו דעם, וואָס איז געווען. די מעגלעכקייטן קענען נישט זיין אוממעגלעכקייטן. עס גייט דאָ נישט וועגן אַ קינסטלערישער אָפּשאַצונג, נאָר אויף ווי ווייט די דראַמעס אַנטשפּרעכן דעם היסטאָרישן אמת.

ה. לייוויק האָט אין זיין דראַמע בכלל זיך באַמיט צו האַלטן נאָענט פון דער ווירקלעכקייט. אַפילו איניקע נעמען זיינען רעאַלע. אַחוץ הירש לעקערט און פאַן וואַל, געפינען זיך אויך אַזעלכע רעאַלע נעמען ווי וועלפקע מאַליער, פייוול שלאָסער, יאָשקע בויגער. ליידער האָט ער גע־נומען דעם לייכטן וועג פון אַנטקעגנשטעלן מאַסע—קאָמיטעט, אַרבעטער—אינטעליגענץ. בראש פון דער בונדישער קאַמף־דרוזשינע האָט ער אַוועק־געשטעלט דעם וואַקלדיקן אינטעליגענט איסאַק, וואָס רעדט רייד, וואָס מ'האָט אין יענער סיטואַציע נישט באַנוצט און נישט געקענט באַנוצן. אָפּגערעדט וואָס לייוויקס קעגנשטעלונגען אַנטשפּרעכן נישט די פאַקטן, האָט דער דראַמאַטורג דורכגעלאָזט אַ געלעגנהייט צו לייזן אַ פּיל מער קאָמפּליצירט פּראָבלעם, ווי דעם שאַבלאָנעם קאָנטראַסט. אַז די זאַך איז נישט אַזוי פשוט, האָט אויך לייוויק פאַרשטאַנען. אַ סימן, גראָד אַ מיטגליד פון קאָמיטעט (אוסישקין) שטעלט ער פאָר אַלס דעם, וואָס רופט צום געווער. דאָס ענדערט אָבער נישט די אַלגעמיינע פאַנאַנדערטיילונג פון די דרייסטע און שלאָבעריקע.

דער דראַמאַטורג פירט אַרויס: „יאָשקע בויגער, פייוול שלאָסער, רחמיאלקע בעל־עגלה. געזונטע יונגען, שלעגער. לעקערטס אַמאָליקע חברים. איצט בונדאָווצעס, מיטגלידער פון קאַמפּס־דרוזשינע." און זיי אַלע צוזאַמען מיט לעקערטן טענהן, אַז „דער קאָמיטעט אַליין האָט מורא". אַפילו „אונזער באַיעוואָי אָטריאַד איז ווערט אַ זעץ אין דר'ערד, איידל געערדט". רחמיאלקע זאָגט אַפילו: „איכל זיך אַריינכאַפּן אין קאָמיטעט, איך זאָג אייך, וועל איך אים צעברעכן אַלע ביינער — דעם קאָמיטעט".

וואָס־זשע הייסט עס? — שלעגער זיינען געבליבן שלעגער אויך נאָך דעם, ווי זיי זיינען געוואָרן בונדאָווצעס און זיי זיינען גרייט פשוטו כמשמעו ברעכן די ביינער פון די קאָמיטעט־מיטגלידער. במילא קומט אויס, אַז אין דער נטיה צו שלעגעריי דאַרף מען זוכן די מאָטיוון פון אַטענטאַט אויף פאָן וואַלן. זען בלויז די תשוקה צו שלעגעריי איז פונקט, ווי זען אין מענטשן בלויז דאָס רויע פליייש. מיר האָבן דאָ ווידער דעם גרינגן וועג, וועגן וועלכן ס'איז שוין פריער געווען די רייד. געוויס האָט די דאָזיקע נטיה געשפילט אַ ראָל. אָבער נישט דאָס אַליין. פאַרן אַטענטאַט זיינען אויך געווען מענטשן, וועלכע זיינען לגמרי נישט געווען פעאיק אויפצוהויבן אויף עמיצן אַ האַנט. פאַרשיידענע מאָטיוון האָבן געווירקט ביי יעדן—אָנהענגער אָדער קעגנער פון אַן אַטענטאַט. ביי די ערשטע — שטאַרקער נקמה־דראַנג; אומגלויבן, אַז מ'קען מיט „פאַפירענע פראָ־טעסטן" אָפּווישן די שענדלעכע באַליידיקונג; אַ גלויבן, אַז די צאַרישע מאַכט קען פאַרשטיין נאָר איין שפּראַך — גוואַלט; נישט באַגעמען קלאָר ווי אַזוי מ'וועט דורך דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן מעטאָד פון מאַסן־אָרגאַניזאַציע און מאַסן־אַרויסטריט קענען באַזיגן די ברוטאַלע און אַכזריות־דיקע צאַרישע מאַכט. ביי די צווייטע — אַן איבערצייגונג, אַז טעראָר איז אַ פאַרפירערישער וועג צום אונטערגאַנג פון דער אייגענער באַוועגונג; מ'איז אויך געווען זיכער, אַז אַן אַטענטאַט קען גאָר נישט געבן חוץ נישט־נויטיקע קרבנות; שאַפן אין דער געזעלשאַפט אַ שנאה צום צאַ־ריזם און אים מאָראַליש איזאָלירן האָבן זיי געהאַלטן פאַר פיל וויכטיקער, ווי באַפרידיקן אויפגעבראַוזטע נקמה־געפילן. באַרעכטיקטער מענטשלע־כער כעס האָט זיך געאַמפּערט מיט ערנסטער זאָרג פאַרן גורל פון דער באַוועגונג און פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. די און נאָך אַ ריי אַנדערע מאָטיוון — ליידנשאַפטלעכע געפילן און לאָגישע אַרגומענטן — האָבן אַנטשידן ביי די, וואָס האָבן געהאַט צו באַשטימען זייער באַציאונג צו אַ בלוטיקער אָפּרעכנונג מיט פאָן וואַלן. דער וויכוח האָט זיך געפירט נישט בלויז צווישן איין חבר און אַ צווייטן, נאָר יעדער האָט אים געפירט אין זיך גופא. אַ וויכוח צווישן דער קאַלטער לאָגיק און דעם צעפייניקטן געפיל.

ס'איז כדאַי דאָ צו געבן אַ סצענע פון ווירקלעכן לעבן: אַ קרייזל

אין דירה פון שוסטער חיים נחום קאָפּאַנסקי. דאָרטן געפינען זיך אויך הירשקע לעקערט און פרידלאַנד (געהאַט אַ שייכות צום אַטענטאַט). דער פירער פון קרייזל — דער שפּעטער באַקאַנטער שרייבער אליהו יעקב גאָלדשמידט — האָט פאַרטיידיקט די שטעלונג פון קאָמיטעט און געברענגט זיינע אַרגומענטן. האָט גענומען אַ וואָרט פרידלאַנד, מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ און אַליין אַ געליטענער פון דער עקזעקוציע, און געזאָגט, אַז „מיטן שכל איז ער אינגאַנצן מסכים, אָבער זיין האַרץ קען אין אים נישט שטילן, זיין באַליידיקט ערנגעפיל שרייט: נקמה! ער לייענט אין אַלעמענס אויגן: געשמיסענער! די וווּנט פון די מויערן, דער ברוק, אַ פּשוטע ברעט שרייט צו אים: געשמיסענער! בלויז בלוטיקע נקמה קען אָפּווישן די שאַנד! און דער קאָמיטעט אַליין מוז די נקמה אָרגאַניזירן!" הירשקע האָט צו אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט אויך געזאָגט: — יע, דער קאָמיטעט מוז אַליין אָרגאַניזירן. און דער קרייזל־פירער דערציילט ווייטער: „איך האָב געאַרבעט אויף אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע כלים צו דערווייזן דעם אומזין און אַפילו די שעדלעכקייט פון טעראָר; איך האָב געלאָזט אין גאַנג אַלע מיינע ידיעות, געמאַכט עקסקורסיעס אין געשיכטע, געשוויצט און — עס האָט גאָרנישט געהאָלפן! זיי האָבן ביידע זיך געהאַלטן ביי איינס: דאָס איז נישט קיין טעראָר, דאָס איז פּשוטע נקמה פאַר טרעטן מיט די פיס דעם כבוד פון יידישן פּראָלעטאַרישן קעמפער. און באַלד האָט כמעט דאָס גאַנצע קרייזל געהאַלטן מיט זיי. און איך בין זיך מודה, אַז אין האַרצן האָב איך זיי אויך געגעבן גערעכט" [55].

ווען מ׳וואָלט דעם שטרייט אין דער דראַמע אַוועקגעשטעלט אויף דער הויך, ווי ער איז געשטאַנען אין לעבן; ווען מ׳וואָלט אַרויסגעברענגט דעם צוזאַמענשטויס צווישן שכל און האַרץ, צווישן דעם געדאַנק וואָס זוכט דאָס בעסערע און דעם געפיל וואָס טוט ווי — וואָלטן מיר געקענט האָבן אַ פיל שטאַרקער און עכטער קינסטלעריש ווערק. מיר וואָלטן דעמאָלט אויך נישט געהערט פון פייוול שלאָסער אַזעלכע ווערטער צו לעקערטן: „אין ׳בונד׳ האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַן אומגליק—די מינסקער מכה, די זובאַטאָווו־שטשינע". ווייל דאָס איז טאָפּלט פאַלש: אין ׳בונד׳ איז בכלל די ׳מינסקער מכה׳ ניט געווען, און אַפילו אין מינסק איז זי געווען מחוץ דעם ׳בונד׳,

און קעגן אים. און וואָס שייך ווילנע, איז זי דאָרטן לגמרי נישט געווען. אין מויל פון אַ ווילנער בונדיסט זיינען דאָס ווילדע, אומגלויבלעכע ווער־טער.

צום רומל פון שלעגעריי פּאַסט, אַז לעקערט זאָל אין רושם נאָך די שמיץ זיין שיכור. כאָטש ס׳איז אמת, אַז ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אַ גלעזל, האָט אים דער דראַמאַטורג שוין צו פיל אָנגעשיכורט. און אין אַזאַ צושטאַנד, זיך וואַקלענדיק אויף די פיס, שטייט לעקערט פאַר אונז און לייוויק לאָזט אים אַזוי זאָגן:

„עס עסט מיך די חרפּה פון שמיץ,
און דאָס שמייכעלע פונם תליון שלאָגט מיך איבערן פּנים.
ווילנע איז אַ פּאַרך —
און מיר אַלע זיינען פּאַרכעס.
און איך ליג אויפן בעט
און קען נישט שלאָפן,
הויב איך מיר אָן זינגען די שבועה —
ווערט די יללה פון די ווייבער נאָך גרעסער.
זאָל איך דערוואָרגן ווערן, האַ?
אַז איך מוז זינגען די שבועה,
די הייליקע שבועה — —“.

לויט דעם מחבר פון דער דראַמע „הירש לעקערט“, קומט אויס, אַז די אידייע פון אַטענטאַט האָט אים געגעבן אַ פּאָרשטייער פון קאָמיטעט פון „בונד“. אוסישקין נעמט אַרום לעקערטן און זאָגט צו אים:

„די נקמה וועט קומען“.

אויף דעם ענטפערט הירשקע:

„יע, יע,
איך מיין — איר זאָגט די נקמה“.

און ווייטער:

„דער באַלעבאָס איז איצטער ער — דער געשמיסענער.
און וואָס ער הייסט מיר טאָן, וועל איך פאָלגן.
איך ווייס שוין וואָס מען דאַרף איצט טאָן“.

נישט נאַטירלעך קלינגען דערביי די רייד פון איסאַקן, דעם פירער פון דער בונדישער קאַמפּס־דרוזשינע:

. . . „פוילן פוילט יעדנס בלוט,
צי אייערס, צי פאָן וואַלס, צי מיינס.
איין בלוט ביי אַלעמען. איין ריח און איין קאָליר“.

און פאַרן צעשיידן זיך זאָגט איסאַק צו לעקערטן:

„אויב איר וועט נישט פאָלגן — זאָג איך אייך:
אייער האַנט זאָל נישט טרעפן“.

דאָס איז היסטאָריש נישט אמת, ס'איז קינסטלעך אַריינגעשטוקעוועט. דער וויכוח פאַר און קעגן אַטענטאַט איז אָנגעגאַנגען אויף דער פּאָליטישער און נישט אויף דער מאָראַלישער פלאַך.

אויב ביי ה. לייוויק איז צו זען אַ שטרעבונג און אַ ווילן אַריינצודרינגען אין פּראָבלעם לעקערט און פּרוּוון עס לייזן מיט קינסטלערישע מיטלען, קען מען דאָס לחלוטין נישט זאָגן וועגן אַ צווייטן מחבר — א. קושניראָוו. דער סאָוועטישער שרייבער האָט די גאַנצע דראַמע לעקערט פאַרוואַנדלט אין אַן „אַגיטקע“ אין הסכּם מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־ליניע פון געגעבענעם מאָמענט[56]).

וואָס לאָזט אונז קושניראָוו הערן? ווידער דער שאַבלאָן: מאַסע קעגן אָנפירונג. זאָגט שיינע:

„די גאַנצע מאַסע וויל אַ דעמאָנסטראַציע,
עס צווייפלט נאָר דערוויל דער קאָמיטעט“.

און ווייטער:

„פֿאַראַן אַצינד אין ‚בונד‘ אַ סך אַזעלכע,
דער גייסט פֿון קאַמף האָט זיך אויסגעוועפּט אין זיי.
זיי וואָלטן וועלן אויסמיידן געפֿאַרן,
זיי וואַקלען, ווי דער ווינט, אויף רעכטס און לינקס
און זוכן זיך וואו רואיקערס און שטילערס“.

אויף די רייד פֿון קאָמיטעט־מיטגליד זילבערשטיין, אַז

„דער גרעסטער טעות וואָלט געווען אַצינד
די מאַסן רופֿן צו אַ דעמאָנסטראַציע“, (צוליב דער געפֿאַר פֿון גרויסע קורבנות),

ענטפֿערט שיינע:

„דערפֿאַר ווייל איר און אפשר נאָך אַזעלכע
דערשרעקן זיך פֿאַר יעדערן באַפֿעל“...

ווען זילבערשטיין זאָגט, אַז מען דאַרף זיך דעם ערשטן מאַי באַגנוגענען מיט אַ שטרייק, ענטפֿערט אים לעקערט:

„אַ שטרייק — דאָס איז אַ וואָכעדיקע זאַך.
און איך האָב ליב, אַז קאַמף זאָל זיין אַ יום־טוב“.

צווישן שיינען און זילבערשטיינען קומט פֿאָר אַזאַ דיאַלאָג:

שיינע: „געדענקט, אַז אַך און ווי וועט זיין צו אונז, אויב מירן איך אויף ווייטער אָפּצוימען דעם ‚בונד‘ פֿון גאַנצן רוסלענדישן אַרבעטער־קלאַס“. און זילבערשטיין ענטפֿערט: „איז נעמט צעלאָזט דעם ‚בונד‘ און גייט צו זיי“. און שיינע דערווידערט: „איך ווייס ניט ווער באַדאַרף צו וועמען גיין, צי זיי צו אונז, צי מיר צו זיי, — נאָר, זילבערשטיין! וואָלט דען ניט בעסער זיין — איין גרויסע, שטאַרקע אַרבעטער־פּאַרטיי?“

דער סאָוועטישער דראַמאַטורג, וואָס האָטביים שרייבן נישט גע־קענט זאָרגן וועגן זיין אין איינקלאַנג מיטן היסטאָרישן אמת און כסדר געהאַט פאַרן אויג די קאָנסעקווענצן פון אָפּווייכן פון דער „ליניע", האָט געמוזט אַריינלייגן אין שיינעס מויל פאַלשע ווערטער. די אָנהענגער פון יאָ מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע האָבן גאַנץ גוט געוואוסט די אַרגומענטן פון די קעגנער און אַז דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אויסוועפּן זיך פון קאַמף־גייסט. שיינעס רייד וועגן „אָפּצוימען דעם 'בונד' פון גאַנצן רוס־לענדישן אַרבעטער־קלאַס" און וועגן „איין גרויסער, שטאַרקער אַרבעטער־פּאַרטיי" — זיינען הוילער אומזין. געדענקט, אַז דאָס איז געווען פרילינג 1902, ווען דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס איז נאָך געווען כמעט שטום, ווען דער „בונד" איז מיט רעכט באַטראַכט געוואָרן פאַרן בעסט־אָרגאַני־זירטן און אַקטיווסטן טייל פון דער רוסלענדער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג — פאַרן אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציע. דער „בונד" איז קיינעם קיין בעל־חוב נישט געווען, ער האָט גיכער געקענט מאָנען פון אַנדערע. אַזעלכע רייד אין מויל פון שיינען — אויב זי וואָלט געווען אַ פאַרברענטע „איסקראָווקע" און נישט אַ בונדיסטקע — וואָלט געקענט האָבן אַ זין מיט אַ יאָר — צוויי שפּעטער, ווען דער „בונד" איז אין 1903 אַרויס פון דער ס. ד. פּאַרטיי בעת איר צווייטן צוזאַמענפאָר. וואָס־זשע פאַר אַ זין האָבן געקענט האָבן די רייד וועגן איין אַרבעטער־פּאַרטיי פרילינג 1902, ווען מ'איז געווען אין איין פּאַרטיי?.. און אַוודאי זיינען אומזיניק און צו־געטראַכט די רייד אין שייכות מיט דער דעמאָנסטראַציע אין ווילנע, בעת דער „בונד" האָט געקענט אַרויספירן די יידישע אַרבעטער אין גאַס און די נישט־יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן די אַרבעטער פון זייערע נאַציאָ־נאַליטעטן נישט געקענט ברענגען און דאָס איז געווען איינער פון די הויפּט־מאָטיוון פון די, וואָס האָבן געהאַט ספקות וועגן דער דעמאָנסטראַ־ציע. שיינעס ווערטער זיינען בכלל נישט פון 1902, נאָר פון אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער...

ריכטיק איז, וואָס עס זאָגט א. קושניראָוו אין דיאַלאָג נאָך די שמיץ:

לעקערט: „אַ שאָס, אַ שאָס נאָר איינער — און אַ סוף!"

זילבערשטיין: „אַ שאָס, אַ שאָס! איר ווייסט צו וואָס איר רופט? ס'איז סם, ס'איז קעגן דער טאַקטיק און קעגן דער פּראָגראַם".

לעקערט טרעט אַרויס קעגן דעם. אים העלפט אויך אונטער דער פּאָליאַק סענדעראַצקי: „אָט די טעאָריעס, דער טייוול זאָל זיי נעמען, אין פּוילישער פּאַרטיי דאָס זעלבע, וואָס אין ׳בונד׳!״.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָ און דאָרט וואָרפט זיך דורך אַ ריכטיקער געדאַנק, וועלכער אַנטשפּרעכט דעם היסטאָרישן אמת, איז אָבער די גאַנצע דראַמע געשריבן מיט דער בפירושער כוונה פאַרצושטעלן דעם „בונד״ אין אַ גאַנץ פאַלש ליכט און צו דעם איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג דער גאַנצער קלאַפּערגעצייג פון קאָמוניסטישע פעלשונגען.

להיפּוך צום ליד, וואָס האָט דיכטעריש אַרויסגעבראַנגט דעם העראָאיזם און מאַרטירערײ פון לעקערטן און אויפריכטיק באַזינגען זיין אָננעמען זיך פאַרן פאַרשוועכטן כבוד פון יידישן אַרבעטער, האָט דאָס דראַמאַטישע ווערק, וואָס האָט געדאַרפט געבן אַ תשובה אויך אויף דעם „פאַרוואָס״, אַרויסברענגען די האַנדלונגען און זיי מאָטיווירן, דעם ציל נישט דערגרייכט. איינער בשוגג און דער צווייטער במזיד — זיינען די דראַמאַטורגן אָפּט אַראָפּ פון שליאַך און צום טיפן אמת פון דער לעקערט־דראַמע נישט דערגאַנגען.

די פראַגע פאַרוואָס איין פאָלקס־מענטש וויל יאָ שטעלן זיין לעבן אין געפאַר און אַ צווייטער נישט, פאַרוואָס איין אַרבעטער איז פאַר באַנוצן אַ „שפייער״ און אַ צווייטער איז קעגן — און דאָס זעלביקע איז פונקט אַזוי חל אויף דער אינטעליגענץ, אויף אָנפירונג אַזוי גוט ווי אויף מאַסע, ווייל די צעטיילונג קומט פאָר אין יעדן שיכט גופא און ס׳איז נישט ריכטיק צו שטעלן איין שיכט קעגן אַנדערן — איז גלענצנדיק מאַטעריאַל פאַר אַ דראַמאַטורג. ליידער האָבן די מחברים פון די „הירש לעקערט״־דראַמעס אויסגעמיטן דעם שווערערן אָבער ריכטיקן ענטפער אויף דעם קאָמפּליצירטן פּראָבלעם און זיך געלאָזט פאַרפירן פון דער שאַבלאָנער פאַנאַנדערטיילונג און קעגנשטעלונג [57].

דאָס איז די געשיכטע פון ווילנער שוסטער הירש לעקערט — זיין לעבן און טאַט. פון דורות אָנגעזאַמלטער הכנעה און דערשראָקנקייט פאַר דער מאַכט פון הימל און ערד האָט דער פשוטער פאָלקס־מענטש געראַטעוועט דעם נאַטירלעכן שטאָלץ און זעלבסט־ווירדע, די עמפּערונג קעגן דערנידערונג, די פעאיקייט קעגנצושטעלן זיך דער רשעות פון דער וועלט. ביי זיינע מענטשלעכע שוואַכקייטן האָט ער אין זיך אַנטוויקלט אַ קוואַל פון אומגעהויערן מוט.

הירש לעקערט האָט שטאַרק ליב געהאַט דאָס לעבן. דאָך האָט ער פאַרשטאַנען און געפילט, אַז ס׳איז פאַראַן עפּעס נאָך העכערס. און אָנ־גענומען זיך פאַר דער באַליידיקטער מענטשלעכקייט פון זיינע ברידער־אַרבעטער, ברידער־רעוואָלוציאָנערן געהערט צו דעם העכערן און הייליקן, פאַר וועלכן מ׳דאַרף זיין גרייט אַפילו צו צאָלן דעם פּרייז פון לעבן. מיט דעם איז ער געוועזן דער אָנזאָגער, אַז די יידישע אַרבעטער האָבן אויפ־געוואַכט און זיך באַנייט, מיט דעם איז סיגנאַליזירט געוואָרן אַ נייע עפּאָכע אין יידישן פאָלק. אין דעם זין איז הירש לעקערטס גאַנג אויף דער תליה אַ צוואה פאַר קומענדיקע דורות.

מקורים און באַמערקונגען

1) דיא אַרבייטער שטיממע № 28, אויגוסט 1902.
2) דיא ארבייטער שטיממע № 14, אויגוסט 1899.
3) דער קלאַססען-קאַמפף № 2, מאַי 1900.
4) דיא אַרבייטער שטיממע № 14, אויגוסט 1899.
5) דיא אַרבייטער שטיממע № 27, יוני 1902.

אַ בונדיסט האָט שפּעטער וועגן דעם דערציילט: „אין אונזער פרישער מונטערקייט פון מאַי האָבן מיר נישט געוואָלט הערן די ‚מעשיות', וואָס האָבן זיך מיט עקשנות געטראָגן איבערן שטאָט, אַז פאַן וואָל האָט באַשלאָסן אָנווענדן לייב-שטראָף. אייגנטלעך האָבן מיר גוט געוואוסט, אַז אין ‚נייעם קורס' פון פאַן פלעווען גייט אַריין לייב-שטראָף אויך; מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז מ'האָט ווידער אָנגעהויבן אָנווענדן ריטער אין דער אַרמיי. געוואוסט און נישט געגלויבט, נישט געקענט עס פאָרשטעלן זיך"... „און דאָך האָבן מיר צעשיקט חברים דערגיין די זאַך. און זיי זיינען דערגאַנגען, אַז עס איז אמת. זיי האָבן אַליין — געזען, ווי מ'האָט אויפן ‚פּאַזשאַרנעם הויף' אויף דאָמיני-קאַנער גאַס, ביי דער שטאָטישער פּאָליציי, אַריינגעפירט אַ וואָגן מיט ריטער! אָבער דאָס האָט אונז אויך נישט אָפּגעשטעלט, מיר האָבן נאָך אַלץ נישט גע-גלויבט אין דער מעגלעכקייט פון לייב-שטראָף. לעבן מיר דאָך פאָרט עפּעס אין ‚צוואַנציקסטן יאָרהונדערט'... פאַן וואָל וויל פּשוט אָפּשרעקן דעם עולם, כדי מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון פייערן דעם ערשטן מאַי" (ח' דיברילן: אונזער צייט № 17, ווילנע, 13 מאַי 1922).

6) דעם בריוו האָט וואַרשיינלעך געשריבן הירש באַטוויניק.
7) שיינע גרינשטיין אין זאַמל-בוך — הירש לעקערט, מאָסקווע 1922.
8) 1880 אַלס געבורטס-יאָר דאַרף מען אָננעמען פאַר וואַרשיינלעך. הירש לעקערטס עלטערער ברודער בנימין, וועמען מ'האָט געפרעגט וועגן דעם, האָט דערקלערט, אַז זיין ברודער איז מסתמא געבוירן געוואָרן אין 1880, ס'איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן 1879 אָדער גאָר 1881.
9) עטלעכע שטעטלעך זיינען אָנגעגעבן געוואָרן אַלס געבורטס-אָרט. אַ סך, איבערהויפּט אין דער סאָוועטישער פּרעסע, האָבן אָנגערופן דאָס שטעטל אַניקשט, אַנדערע — יאַנישאָק. דאָס איז נישט ריכטיק. דער טעות וועגן אַניקשט נעמט זיך מסתמא פון דעם, וואָס אַזוי איז געווען אָנגעגעבן אין אַ געוויסן באַריכט פון דער רוסישער אָכראַנע. ס'איז נישטאָ קיין ספק, אַז דאָס געבורטס-אָרט איז האַנושישאָק. וועגן דעם האָט איבערגעגעבן דער ברודער בנימין, ווי אויך אַ ריי יידן פון זעלבן שטעטל. יידן האָבן דאָס שטעטל אויך גערופן אַנישאָק. (פון דאַנען דער טעות מיטן ענלעכן נאָמען יאַנישאָק, וואָס איז גאָר אַן אַנדער

שטעטל). אויף ליטוויש איז דער נאָמען אַנישקיס, אויף פּויליש — האַנושישקי, אויף רוסיש — גאַנושישקי. אין אומאָפּהענגיקן ליטע איז דאָס שטעטל געווען נאָנט פֿון דער ליטוויש-לעטישער גרענעץ און האָט געהערט צום ראַקישקער קרייז. (פֿאַראַן נאָך אַ צווייט אָרט מיטן זעלבן נאָמען אין טראָקער געגנט).

10) אין איניקע פּאָליציייאישע דאָקומענטן אין שייכות מיטן אַטענטאַט אויף פֿאָן וואַלן פיגורירן ביידע נעמען: לעקערט און לעקוך.

שוין אין די גאָר יונגע יאָרן האָט זיך ביי אים געשאַפֿן אַן אומווילן צו זיין פֿאַמיליע-נאָמען. די יינגלעך האָבן אים, ווי דער שטייגער איז געווען, געגעבן אַ צונאָמען. זיי האָבן דעם פֿאַמיליע-נאָמען צעדרייט און אים גערופֿן — הירשקע לעקעכל. און דאָס האָט שוין געהאַט אַ צוויי-דייטיקן מיין... מעגלעך, אַז אָט דער צונאָמען איז דער מקור פֿון דער לעגענדע וועגן זיין נישט שיינער פֿאַרגאַנגענהייט.

11) פֿאָלקסבלאַט, קאָוונע, 15 אָקטאָבער 1932.

12) אין יענע יאָרן איז אין דווינסק געווען אַ טוער, וועמען מ'האָט גערופֿן הירשקע דער שוסטער. צי איז דאָס דער זעלבער, וואָס הירשקע שטריק?

13) איניקע האָבן געשריבן, אַז הירש לעקערט איז געקומען פֿון „דעק" און אַנדערע האָבן געמאַכט דעם אויספֿיר, אַז ער איז פֿריער געווען אַ מענטש פֿון דער „אונטערוועלט". דאָס איז נישט ריכטיק. לעקערט איז פֿון קינדווייז אָן געווען אַן אַרבעטער און נישט געהאַט קיין שום קרימינעלן רעקאָרד. ווי אַ קינד פֿון דער יידישער אָרעמקייט, האָט ער געהאַט באַקאַנטע צווישן וואוילע יונגען און אַפֿילו קרימינאַליסטן. דאָס האָט אָבער גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט זיין אייגן שווער און ערלעך לעבן. ווי ביי אַ סך פֿון זיין שטאַנד, איז די באַקאַנטשאַפֿט געקומען פֿון געמיינזאַמע שפּילן אין די קינדער-יאָרן, פֿון שכנהשאַפֿט, פֿון שענק און אַפֿילו פֿון שוהל, וואו אַלע יידן זיינען געקומען שבת און אַוודאי ראש-השנה און יום-כּפּור דאַוונען אָדער זיין ביים דאַוונען.

14) א. ל. לאַזניק, אַ דרוקער-אַרבעטער, איינער פֿון די ערשטע בונדיסטן (פֿאָלקסבלאַט, קאָוונע, 7 אויגוסט 1932).

15) דער עמעס, מאָסקווע, 10 יוני 1927.

עליע רייטשוק, אַ שוסטער-אַרבעטער, פֿון די ערשטע בונדיסטן, איז בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה (1915) געמשפּט געוואָרן אין וואַרשע אין פּראָצעס פֿון דער בונדישער צייטונג „לעבענס-פֿראַגען", וואו וולאַדימיר מעדעם איז געווען איינער פֿון די אָנגעקלאָגטע. רייטשוק האָט באַקומען קאַטאָרגע. ער איז עוואַקואירט געוואָרן קיין רוסלאַנד. נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, ווען ס'איז פֿאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין „בונד", איז ער מיטגעגאַנגען מיט די קאָמבונדיסטן און איז לסוף אַריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז שפּעטער געווען פֿאַרוואַלטער פֿון אַ שוסטער-קאָאָפּעראַטיוו אין מינסק. אַגב, אין דער זעלבער שטאָט איז רייטשוק געווען איינער פֿון די ריכטער, וועלכע האָבן זומער 1921 געמשפּט אַ מינסקער רב אין אַ מוסטער-פּראָצעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין שטאָטישן טעאַטער.

אַ שטאַרקע השפּעה אויף לעקערטן האָט געהאַט אַ צווייטער שוסטער פֿון די ערשטע בונדיסטן — פּסח קאָזלאָווסקי.

וואָס שייך לעקערטס אַנאַלפֿאַבעטיזם, דערציילט בנימין, אַז בעת ער האָט

געדינט אין מיליטער (1898—1902) האָט אים זיין ברודער הירש געשריבן בריוו אין נאָמען פון דער מאַמען, ווייל זי האָט נישט געקענט שרייבן, („פאָלקס-בלאַט", 15 אָקטאָבער 1932). ס'זיינען אָבער פאַראַן סימנים, אַז ביזן סאַמע סוף האָט ער זיך נישט אויסגעלערנט שרייבן.

16) די שוסטער האָבן זיך געטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: קלאַפּער און פּוצער.

17) אין די פּאָליצייאישע דאָקומענטן איז זיין נאָמען לייב צוקערמאַן; אין דער בונדישער אומלעגאַלער פּרעסע — לייבע צוקערזיס. וואַרשיינלעך איז צוקערזיס אַ צווייטער איראָנישער צונאָמען צו „פּאַן בוג".

18) וועגן דעם זיינען פאַראַן צוויי נוסחאות: איינער, אַז פריער איז געווען דער אַרעסט אין מאַליאַט און שפּעטער איז כאָגע פּייווקע אַנטלאָפן פון שפּיטאָל. דער צווייטער נוסח איז, אַז דעם פאַרוואונדעטן האָט מען באַלד אַרעסטירט אין ווילנע, געהאַלטן אין שפּיטאָל, פונוואַנען ער איז מיט לעקערטן געלאָפן אין שכנותדיקן שטעטל. אין דער ווילנער בונדישער צייטונג איז געווען דער צווייטער נוסח. מיר לייענען דאָרטן: „פון ווילנער טורמע (אויף אַנטאָקאָל) איז אַנטלאָפן חנא פייווע ווינאָקור. אין דעם נאָוואָגראָדער געשלעג האָט מען אים געראַנעט — אַרעסטירט און אָפּגעשיקט אין יידישן הקדש. פון דאָרטן איז ער געלאָפן און איז ווידער אַריינגעפאַלן אין שטעטל מאַליאַט צו פּאָליציי. מען האָט אים געבראַכט אין אַנטאָקאָליער טורמע. איצט איז ער שוין נישט אין סכנה — ער איז אין אויסלאַנד" (דער קלאַססען-קאַמפּף № 3, אָקטאָבער 1900).

פון י. ל. קרעמער, ניו-יאָרק, האָט די רעדאַקציע פון בונדישן זשורנאַל „אונזער צייט" זומער 1952 באַקומען פאָלגנדיקע שילדערונג פון אַרעסט אין מאַליאַט: „איינמאָל אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט האָט זיך אין שטעטל פאַר-שפּרייט אַ קלאַנג, אַז משהקע בערע לייב דעם שוסטערס, הירשקע לעקערט און זייערס אַ דריטער חבר באַהאַלטן זיך אויס ביי משהקעס טאַטן אין שטוב. דאָס האָבן זיי זיך אַהערצו אָפּגעטראָגן פון ווילנע נאָך אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי. צומאָרגנס, שבת אין דער פרי, איז אין די בתי מדרשים ביים דאַווענען באַקאַנט געוואָרן, אַז די לעצטע נאַכט איז בערע ליבס הויז באַלאַגערט געוואָרן פון פּאָליציי און אַלע דריי געפינען זיך פאַרשפּאַרט ביים אוריאַדניק אויפן הויף אין מילגאַס. קינד און קייט האָבן זיך באַלד אַוועקגעלאָזט אַהינצו. מיר ייִנגלעך זיינען געקראָכן איבער דעכער, אויף פּאַרקאַנעס, אַבי צו כאַפּן אַ קוק אויף זיי. נאָך שעהן וואַרטן האָט זיך ענדלעך געעפנט דער טויער פון הויף און זיי זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן מיט געבונדענע הענט אין באַגלייטונג פון באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן. מיט די געבונדענע הענט האָבן זיי ווי עס איז אַראָפּגענומען זייערע היטלען און געפאָכעט צום עולם און געשיקט פריינטלעכע גרוסן. הירשקע לעקערט, זאָגט מיר מיין זכרון, איז געווען פון העכערן וואוקס, שלאַנק און מיט אַ שטאָלצן אויפגעהויבענעם קאָפּ. די אַנדערע צוויי זיינען געווען משהקע בערע ליבס און אַ בחור פון איידעלן און שטילן אויסזען. דער לעצ-טער איז געווען היפּש צעשלאָגן פון די ווילנער פּאָליציאַנטן. מאַליאַטער יידן האָבן זיי באַגלייט מיט טרערן אין די אויגן און מען איז זיך צעגאַנגען אין אַ שווערן געמיט. ווען ס'איז אין אַ צייט אַרום אָנגעקומען די נייעס, אַז הירשקע האָט געשאָסן אויף פּאָן וואַלן, האָט מאַליאַט אין דער שטיל זיך

געגרויסט מיט דער זכיה צו האָבן געהאַט ביי זיך לעקערטן און האָט אויך דורכגעלעבט דעם גרויליקן, העלדישן סוף זיינעם".

לויט אַן אַנדערן נוסח, זיינען זיי אַריינגעפאָרן אין שטעטל שבת, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ געוודער און דערפירט צום אַרעסט.

19) דער קלאַססען-קאַמפף № 5, יולי 1901. לעקערטס נאָמען איז דאָרטן אָנגעגעבן הירשל לעקער (אין № 3 פון דער זעלבער ווילנער אונטערערדישער צייטונג, אָקטאָבער 1900, וואו עס ווערט דערציילט וועגן די אַרעסטירטע אין שייכות מיט דעם נאָוואָגראָדער צוזאַמענשטויס, איז אָנגעגעבן בלויז הירשל).

20) דער אויפרוף פון צ. ק. איז געוואָרן אָפּגעדרוקט פאַרן אַטענטאַט אויף פאָן וואַלן, פאַרשפּרייט האָט מען אים ערשט שפּעטער.

21) דר. מאַיסיי גורעוויטש — פון מאַי 1901 פאַרשטייער פון ווילנער קאָמיטעט פון „בונד". מחבר פון ערשטן אויפרוף קעגן פאָן וואַלן (הערבסט 1901) און פון די אַנדערע אויפרופן און בראָשורן אין שייכות מיט דער 1טער מאַי-דעמאָנסטראַציע און דער לעקערט-דראַמע. פון פעברואַר 1903 ביז פעברואַר 1905 געזעסן אין אַן איינצל-קאַמער אין „14טן נומער" אין ווילנע. אויפן פּראָצעס פאַר געהערן צום „בונד" באַקומען 5 יאָר פעסטונג און געוואָרן באַפרייט ביז דעם אַפּעלאַציע-פּראָצעס. סוף 1905 אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער איז אַ ריי יאָרן געווען פאַרטרעטער פון צ. ק. פון „בונד" און געאַרבעט אין פאַרבאַנד פון די בונדישע גרופּעס אין אַמעריקע. דאָ איז ער אויך געווען אַקטיוו אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און אַרבעטער-רינג. במשך פון יאָרן געווען טעטיק אַלס פאַרלעגער און בוכהענדלער. געשטאָרבן איז דר. מ. גורעוויטש אין ניו-יאָרק, דעם 9טן נאָוועמבער 1944.

22) איסאַק מיצקון אין זאַמל-בוך הירש לעקערט, מאָסקווע 1922.

23) אין יאָרן אַרום האָט די „טשעקאַ" אַרעסטירט דעם דאָקטאָר מיכאַילאָוו, אים געהאַלטן אַ צייט אין טורמע און לסוף באַפרייט. ער האָט שפּעטער געאַרבעט אין ווייס-רוסלאַנד ווי אַ פאַכמאַן אין סאָוועטישן קאָמיסאַריאַט פאַר געזונטהייט.

24) יודל דרוקער: לעבענס-פּראַגען, עקסטרא-אויסגאַבע, וואַרשע, צום ערשטן מאַי 1919.

25) יודל לעווויט: יוגנט-וועקער № 12, וואַרשע, 1יוני 1932.

26) א. א. פּאַלאָווצעוו, אַ מקורב פון צאַר, אַ הויף-מענטש, האָט אין זיין טאָג-בוך פאַרשריבן: „אין ווילנע האָט מען פאַרוואונדעט דעם גובערנאַטאָר וואַל, אמת, אין אַלע הינזיכטן אַ שלעכטער מענטש". (קראַסני אַרכיוו, מאָסקווע, באַנד 3, 1923). דעם „שלעכטן מענטש" האָט די צאַרישע רעגירונג נאָכן אַטענטאַט באַשטימט אויף אַ העכערן פּאָסטן. מ'האָט אים געמאַכט פאַר וויצע-אינערן-מיניסטער און איבערגעגעבן אין זיין רשות דעם זשאַנדאַרמען-קאָרפּוס. אויפן דאָזיקן פּאָסטן, וואָס פאָן וואַל האָט געהאַלטן אַ קורצע צייט, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע ענערגיע אין קאַמף קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אויסגעבריטערט דעם סיסטעם פון פּראָוואָקאַציע.

אין זיין באַריכט צו דער רעגירונג וועגן אַטענטאַט האָט דער ווילנער וויצע-גובערנאַטאָר באַליאַסני געמאָלדן, אַז דער „בונד" האָט באַשלאָסן צו דערהרגענען פאָן וואַלן, ווייל ער האָט געזען ווי ווירקזאַם די לייב-שטראָף איז אַלס מיטל צו פּאַראַליזירן די רעוואָלוציאָנערע פּלענער.

27) י. פאַט: נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, 7 יאַנואַר 1938.

28) אין דער נאַכט באַלד נאָכן אַטענטאַט האָט מען אַרעסטירט לעקערטס פרוי, איר פאָטער, שוועסטער און ברודער. מ׳האָט ביי זיי דורכגעפירט רעוויזיעס, אָבער קיין שום פאַרדעכטיקס האָט מען נישט געפונען. ווייל די פרוי איז געווען אין די הויכע חדשים, האָט מען זי צומאָרגנס אַרויסגעלאָזט, דאַקעגן די איבעריקע האָט מען געהאַלטן עטלעכע וואָכן. מ׳האָט זיי אויסגעפרעגט און געפּאָרשט, כדי ביי זיי צו כאַפּן פעדים, וואָס זאָלן פירן צו די מיטהעלפער. זיי האָבן, נאַטירלעך, גאָרנישט געוואוסט. אויך ביים ברודער בנימין, וועלכער האָט דעמאָלט געדינט אין מיליטער, אין אַן אַרטילעריע-פּולק אין קאַווקאַז, האָט מען — פאַר די אויגן פון זיין גאַנצער אָפּטיילונג — דורכגעפירט אַ שטרענגע רעוויזיע, דורכגעלייענט אַלע בריוו, אויסגעפרעגט וועגן אַלע בילדער און אים שוין געהאַלטן אויפן אויג, הגם קיין שום פאַרדעכטיקס האָט מען נישט געפונען. הירשקע פלעגט אין יעדן בריוו אַריינלייגן אַ פּראָקלאַמאַציע און אָנזאָגן צו געבן דאָס לייענען די זעלנער. בנימין האָט מורא געהאַט דאָס צו טאָן און האָט די פּראָקלאַמאַציעס באַלד פאַרניכטעט (הירש לעקערטס מוטער איז געשטאָרבן וואַרשיינלעך אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה אין ווילנע).

29) י. פאַט: נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, 7 יאַנואַר, 1938.

מלכה האָט געבוירן אַ מיידל. מ׳האָט דעם קינד אַ נאָמען געגעבן צביה (נאָכן טאַטן הירש-צבי). צביה איז אויסגעוואַקסן און שפּעטער געשטאָרבן פון אַ קראַנק הארץ אין פאָטערס עלטער פון 22 יאָר אין טאָראָנטאָ. (אין 1902 האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ווילנע באַזאָרגט דאָס אַרויספאָרן אומלעגאַל פון לעקערטס אַלמנה מיטן קינד קיין אויסלאַנד. זי איז געקומען קיין לאָנדאָן אויף אַ קורצער צייט און פון דאָרטן קיין ניו-יאָרק. דאָ האָט זי אַ צווייט מאָל חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין קאַנאַדע).

30) די פּרטים פון דער עקזעקוציע ווייסט מען פון דעם, וואָס עס האָט דערציילט ראַבינער נעמזער; פון עטלעכע יידישע זעלנער, וואָס זיינען דערביי געווען (איינער פון זיי אַ וואַרשעווער בונדיסט מיכל ליכט), און פון ראָטע-קאָמאַנדיר כלאָפּאָוו — אַ סימפּאַטיקער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכער האָט זיך ספּעציעל באַמיט צו זיין נאָענט פון דער תליה, כדי שפּעטער צו קענען געבן די פירער פון דער באַוועגונג אַ גענוי בילד פון דער פאָרגעקומענער דראַמע. דער דאָזיקער אָפיציר, וועלכער איז געווען אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, הגם נישט קיין אָפיציעלער פּאַרטיי-מיטגליד, האָט שפּעטער פאַר איניקע פּאַרטיי-טוער איבערגעגעבן פאָלגנדיקע סצענע: „אָט פאָרט צו די קאַרעטע מיט לעקערטן. אַפּנים, ער זעט נישט די תליה. ווען ער איז אָבער צוגעקומען נענטער און האָט זי דערזען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ ביסל אַ רוק זיך געגעבן אויף צוריק. דאָס האָט אָבער געדויערט נאָר איין ווילע, נאָך דעם איז ער מונטער אַרויף אויפן עשאַפאָט. איך בין נענטער צוגעגאַנגען צו אים. לעקערט איז די גאַנצע צייט געווען פולקאָם רואיק און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט זייער לייכט שטאַרבן". ביי די דאָזיקע ווערטער האָט כלאָפּאָוו זיך צעוויינט.

31) י. א. כאַיטאָוויטש אין זאַמל-בוך — הירש לעקערט, מאָסקווע 1922.

32) וועגן דעם האָט דערציילט דאַניעל שולמאַן אין עמעס, מאָסקווע, 10 יוני 1927.

33) דיא אַרבייטער שטימע № 27, יוני 1902. משמעות געהערט דאָס דער פעדער פון חבר נח, וועלכער האָט אין יענער צייט אַליין אָדער כמעט אַליין אויסגעפילט די נומערן פון דעם דאָזיקן פּאַרטייאישן אָרגאַן.

34) Гиршъ Лекертъ и его процессъ, iюль 1902.

35) דיא אַרבייטער שטימע № 27, יוני 1902.

36) מיכאַלעוויטש ב. : זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט, ערשטער באַנד, וואַרשע 1922.

37) בענצע לעווין אין זאַמל-בוך — הירש לעקערט, מאָסקווע, 1922.

38) די שינדעריי אין ווילנע, אויסגאַבע פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד” און „פּאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ” № 70, 29 מאַי 1902.

39) דער אידישער אַרבייטער № 14, אָקטאָבער 1902.

40) Къ вопросу о терроризмѣ. Лондонъ, февраль 1903.

